בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

**קנ"ט**

יו"ל: י"ב אדר ה'תשפ"ו לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

הצדיק הגדול ממארי דחושבנא

ער האט נישט קיין צייט...

אמ"ת פעָמים אמת

'שוטה אינו מרגיש'

נקודת החבר

פארברענט געווארן דאס העמד

מען פרעגט אָן אין זיין נאַפּילאַנקע

שוין דערמאנט ביי ברכת 'מחיה מתים'

זיך האלטן אין יעדן מצב

געבליבן רבי שימעלע

'ואני תמיד עמך'

ר' אבא'לע איז נישטא...

אָן הענט אָן פיס

פארגעסן אז ער האט נאכנישט אויף
יום טוב...

ווען נאַרסטו?!

עיקר ההשארה על ידי אהבה

'דע מה למעלה ממך'

כוחו גדול מאד

אַן אמת'ער 'רחמנות'...

'אט דאס הייסט 'אמונת חכמים'!'

'יָהֵב חָכְמְתָא לְחַכִּימִין'

א גוי איז א גוי...

א מעשה וועגן מקוה

'מען דארף זיי א טובה טוהן'

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל


הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)



©
כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות
העתקת הטייפס ולהדפיסם,
וכמו-כן כדי לקבל את
הקונטרסים דרך הדואר (בכל
שבועיים) במחיר חודשי של $30
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על-ידינו:
**בקו 'מערכת ברסלב'**
**ארה"ק: 02.560.7387**
**ארה"ב: 646.585.2985**
**ענגלאנד: 0330.390.0487**
**בעלגיע: 03.808.1775**
**לשמיעת השיעור**
**המצו"ב יש להקיש:**
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #159**

בס"ד

# שיעור חיי מוהר"ן

**פרשת ויגש שנת תשל"ח**

## הצדיק הגדול ממארי דחושבנא

[לומד חיי מוהר"ן אות ס"ה]

**"שֶׁשָּׁמַעְתִּי מֵאִישׁ אֶחָד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ שֶׁאָמַר שֶׁשָּׁמַע מִפִּי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הַמַּעֲשֶׂה מֵעִנְיַן הַצַּדִּיק שֶׁנָּפַל פַּעַם אַחַת לְעַצְבוּת גָּדוֹל, שֶׁהֶחֱיָה אֶת עַצְמוֹ עִם מַה שֶּׁזָּכַר עַצְמוֹ גֹּדֶל הַחֶסֶד שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, שֶׁנִּדְפַּס כְּבָר בְּסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת עַיֵּן שָׁם, שֶׁנִּכְתְּבָה כְּפִי מַה שֶּׁשָּׁמַעְתִּי בְּעַצְמִי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּעַצְמוֹ, וְאָמַר הָאִישׁ הַנַּ"ל שֶׁהוּא שָׁמַע מַעֲשֶׂה זֹאת מִפִּי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּסִגְנוֹן אַחֵר קְצָת. וְאָמַר שֶׁסִּפֵּר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁהָיָה צַדִּיק אֶחָד גָּדוֹל בְּמַעֲלָה שֶׁהָיָה מִמָּארֵי דְּחֻשְׁבְּנָא".**

'מארי דחושבנא'. עס שטייט אין זוהר הקדוש[א] וועגן די וואס גיבן אפ א חשבון יעדן טאג - די 'מארי דחושבנא'.

אבער נישט זיך לאזן נאַרן. עס איז פארהאן די סוחרים וואס זיי גיבן אפ א חשבון, רעכענען זיי אוים גוט דעם חשבון.

איז דער איז געווען 'ממארי דחושבנא'.

**"שֶׁהָיָה מְחַשֵּׁב עַצְמוֹ בְּכָל יוֹם אִם עָשָׂה עֲבוֹדַת ה' בִּשְׁלֵמוּת בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם כְּפִי דַּרְכּוֹ תָּמִיד".**

**- אַה!**

---

[א] פרשת קרח דף קע"ח.

(ר' מאיר קארליבאך: מען ווייסט ווער איז דאס געווען?) יעדע זאך וואס דער רבי האט נישט געזאגט, איז דא אפשרות'ן; אפשרות האט נישט קיין שיעור; מען קען זאגן ער האט געמיינט 'דעם', 'דעם'; וויבאלד דער רבי האט נישט געזאגט, איז שוין דא סברות, דער אזוי, דער אזוי; איז בעסער אז מען זאגט גארנישט.

אסאך מעשיות האט זיך גענומען פון סברות וואס מען זאגט, און עס איז געווארן גרויסע חורבנות דערפון; און עס איז נאר געווארן 'מעַצמָם' - אז 'די תורה האט דער רבי געמיינט 'דעם', און די תורה האט דער רבי געמיינט 'דעם' - דאס איז אלץ אייגענע סברות; פארוואס דארף מען זאגן?!

מען זאגט אזעלכע פארקרימטע זאכן - אז א געוואלד, עס כאפט דאך אָן א ציטערניש! און דאס נעמט זיך אלץ פון די אייגענע סברות, פון פארקרימטע געדאנקען וואס מען האט אין זיך.

דער רבי האט נישט ארויסגערעדט ווערמען; געוועגטליך (- פארשטייט זיך) א 'צדיק אחד' וואס איז געווען 'ממארי דחושבנא' וואס ער האט זיך מחשב געווען 'בכל יום' צו ער טוהט די עבודה כראוי, איז געווען פון די גרויסע צדיקים. שוין.

מיר דארפן נאך וויסן אז 'מארי דחושבנא' איז א גוטע זאך - דאס דארפן מיר פון דעם וויסן.

א מענטש א סוחר דארף וויסן א חשבון צו ער האט 'ריווח' צו האט ער 'היזק'. עס קען זיך מאכן אמאל א גרויסער סוחר, און טויזנטער קונים גייען אריין אין זיין געשעפט, און יעדער איינער מיינט אז אויב אזויפיל קונים גייען אריין - ווער ווייסט וואס ער פארדינט א טאג?! - אזויפיל קונים! עס איז געפאקט, א גאנצן טאג א תור, מען קען נישט אריינקומען אין קלייט אריין, מען קויפט און מען קויפט און מען לויפט!

אבער דער בעל־בית אליין ווערט נישט נתפעל דערפון וואס ער זעהט אזויפיל קונים - ער וויל וויסן א חשבון. עס קען זיין אזויפיל קונים - און ער זאל האבן א הפסד אויך - ער וויל וויסן א חשבון.

ביי א מענטש איז אויך אזוי; דו טוהסט און טוהסט אלץ - אבער מאך א חשבון; מען קען זיך אפנאַרן אמאל, ער לערנט, ער דאוונט, ער טוהט און טוהט, און ער פארגעסט אינגאנצן (פונעם אויבערשטן...).

## ער האט נישט קיין צייט...

עס איז דא א וואָרט פונעם בעל־שם הקדוש. עס איז געווען איינער פון די גרויסע גאונים אין דעם בעל שם הקדוש'ס צייט, דער בעל־שם האט נישט געזאגט 'ווער'. האט ער געזאגט: **"ער איז אזא מין מַתמיד, אז ער האט נישט קיין צייט אינזינען צו האבן דעם אויבערשטן!"**.

צו אינזין האבן דעם אויבערשטן דארף ער איבערהאקן דער התמדה - **האט ער נישט קיין צייט!**

עס איז פארהאן אמאל אזא מין מענטש - ער לערנט און לערנט - און ער האט נישט קיין צייט צו אינזין האבן דעם אויבערשטן...[ב]

דאס ענין פון 'ישוב הדעת' איז דאך עפעס אַן אנדער סארט ענין, אַן אנדער סארט מתנה. דאס 'ישוב הדעת' גייט צו ביי יעדער זאך, ווען ער לערנט, ווען ער דאוונט. האבן 'ישוב הדעת' איז א באזונדערע זאך, דאס איז א באזונדערע מתנה, דאס איז א באזונדערע מתנה[ג].

אז מען האט נישט קיין 'ישוב הדעת' קען מען לערנען און דאווענען און מען זאל פאלן און פאלן - און מען איז גארנישט קיין מבין אז מען פאלט; אדרבה, דער ריבוי תורה תפילה פארגרייזט אים אזוי אז ער פארגעסט וואו ער האלט אינגאנצן.

---

[ב] עיין 'צוואת הריב"ש' דף ו' ע"ב: כשלומד צריך ליישב עצמו לפני מי הוא לומד, **שלפעמים מתרחק עצמו בלימודו מהבורא יתברך שמו**, לכך צריך ליישב עצמו בכל עת ובכל שעה; עיין עוד 'בעל שם טוב' עה"ת פר' ואתחנן עה"פ 'ושננתם' וכו', עיי"ש.

[ג] עיין 'שיחות הר"ן' אות מ"ז: צָרִיךְ לָזֶה זְכִיָּה גְּדוֹלָה שֶׁיִּזְכֶּה לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ שָׁעָה אַחַת בַּיּוֹם וְשֶׁיִּהְיֶה לוֹ חֲרָטָה עַל מַה שֶּׁצְּרִיכִין לְהִתְחָרֵט, כִּי לָאו כָּל אֶחָד זוֹכֶה לְיַשֵּׁב הַדַּעַת אֵיזֶה שָׁעָה בַּיּוֹם, כִּי הַיּוֹם הוֹלֵךְ וְחוֹלֵף וְעוֹבֵר אֶצְלוֹ וְאֵין לוֹ פְּנַאי לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ אֲפִלּוּ פַּעַם אַחַת כָּל יְמֵי חַיָּיו.

**ווארום דער אמת איז דאך, אין יעדער זאך איז דא א געוואלדיגע סכנה, דער 'לא זָכָה' וואס עס שטייט אויף דער תורה הקדושה[ד], גייט ארויף אויף יעדער זאך[ה] - נישט נאר אויף תורה, עס גייט אויף תפילה, צו אז א איד טוהט א 'דבר שבקדושה', ער איז עוסק אין צדקה, דאס איז דאך א גוטע זאך, איז דארטן אויך דא א 'לא זכה'[ו].**

**עס שטייט דאך אין "שולחן ערוך" אין סימן נ"ג[ז]: "א חזן וואס הויבט אויף זיין קול פאר שיינקייט, איז עס מגונה" - עס איז מיאוס. איז דאך ביי יעדער זאך וואו מען גיט זיך א ריר אויף דעם עולם** (שייך דער 'לא זכה')**.**

**דער רבי האט דאך א זאג געגעבן[ח]: "אויף יעדער זאך איז דא א בחירה!". וואו מען גיט זיך א ריר איז אלץ שוין דא א 'זָכָה' און א 'לא זָכָה'.**

**אז איך האב 'ישוב הדעת', ווייס איך כאטש אז איך בין א 'לא זכה', וועל איך וויסן נישט נתפעל צו ווערן פון וואס איך טוה דער זאך, און זעהן אז די זאך זאל זיין כרצון השם יתברך.**

## אמ"ת פעָמים אמת

**עס שטייט אין זוהר הקדוש[ט], ביי א 'קרבן קדשי קדשים', די כהנים האבן געגעסן די פלייש, און דער מזבח האט געהאט די אימורים און דעם דם; און וואס האט דער**

---

[ד] עיין גמ' יומא דף ע"ב ע"ב.

[ה] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' בכור בהמה טהורה ה"ד אות כ"ח: וְהַכְּלָל שֶׁבְּכָל דִּבְרֵי תּוֹרָה **בְּכָל דִּבּוּר וְדִבּוּר וּבְכָל עִנְיָן וְעִנְיָן** יֵשׁ בּוֹ בְּחִינַת צַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם, בְּחִינַת זָכָה נַעֲשֶׂה לוֹ סַם חַיִּים לֹא זָכָה נַעֲשֶׂה לוֹ סַם מָוֶת.

[ו] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' שבועות ה"ב אות ל"ד: **מְצוּיִים הַרְבֵּה טָעוּתִים מְאֹד בְּנוֹתְנֵי הַצְּדָקָה**, כְּמוֹ שֶׁאָרַז"ל שֶׁאֵין זוֹכִין בְּנָקֵל לִתֵּן צְדָקָה לְהָגוּן. כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַזַ"ל, **שֶׁמָּא תֹּאמַר, כָּל הַבָּא לִקְפֹּץ קוֹפֵץ? תַּלְמוּד לוֹמַר, מַה יָּקָר חַסְדְּךָ אֱלֹקִים וְכוּ'**, כִּי אֵינָם מְצוּיִים לִזְכּוֹת עִם מְהֻגָּנִים, עַיֵּן שָׁם בְּפֵרוּשׁ רַשִׁ"י. **עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְפַּלֵּל הַרְבֵּה לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְקַיֵּם מִצְוַת צְדָקָה כָּרָאוּי שֶׁיִּזְכֶּה לִתֵּן לְהָגוּן בֶּאֱמֶת.**

[ז] סעיף י"א.

[ח] עיין 'שיחות הר"ן' אות ש': פַּעַם אַחַת אָמַר לִי: כָּל מַה שֶּׁאַתָּה רוֹאֶה בָּעוֹלָם, כָּל מַה שֶּׁנִּמְצָא בָּעוֹלָם, הַכֹּל בִּשְׁבִיל הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן; השיחה נשנית בכפליים ב'חיי מוהר"ן' אות תקי"ט.

[ט] עיין פר' פנחס, רעיא מהימנא, דף רכ"ד ע"ב.

אויבערשטער פונעם קרבן? נאר 'ריח ניחוח לה''! דער 'ריח ניחוח' וואס גייט ארויס פון די אלע זאכן - דאס האט דער אויבערשטער דערפון.

איז אפילו בשעת די כהנים טוהען די עבודה, דארף מען אויך זעהן עס זאל זיין א 'ריח ניחוח לה''; בשעת זיי עסן די פלייש, בשעת'ן שפריצן די בלוט, די גאנצע זאך איז, 'דער אויבערשטער זאל האבן א ריח ניחוח!'.

אט דער 'ריח ניחוח' האבן די צדיקים געהאט אין חשבון אז עס זאל זיין נאר לה'; און דאס אז דער 'ריח ניחוח' זאל זיין נאר לה', צו דעם דארף מען האבן א גרויסן 'ישוב הדעת'.

דאס אז ווען איך טוה עפעס א זאך זאל עס נאר זיין לה', אט דאס איז 'מארי דחושבנא'. ער האט טאקע געלערנט, געדאווענט, אבער וויפיל האט זיך אריינגעכאפט אין דעם לערנען אַן ערנסטקייט - און וויפיל נישט?! - אז מען האט דעם חשבון און מען פירט דאס - בעסערט מען זיך; טאקע נישט מיט איינמאל, אבער ער בעסערט זיך.

אט דער 'חשבון' אליין איז א גוטע זאך. אז דער מענטש פירט נאר א חשבון, איז שוין ביים אויבערשטן א חשיבות. אפילו ער פאלט דורך, ער האט בפירוש געהאט הפסידות דעם היינטיגן טאג, אבער וויבאלד אז ער פירט א חשבון, ער ווייסט אז ער האט געהאט היינט הפסידות, איז שוין גוטˋ.

אז א מענטש האט אבער נישט דעם 'ישוב הדעת', ער פילט גארנישט קיין הפסידות, קען דאך זיין אין דעם מענטש אזעלכע עוולות, וואס אז ער קומט אהינצו - דארטן רעכנט מען אים - און ער האט גארנישט געוואוסט אינגאנצן אז עס איז אַן עוולה, ער האט גארנישט געמאכט קיין חשבון; 'וואספארא עוולה?! - געלערנט און געדאווענט און געטוהן - וואספארא עוולה האב איך אין זיך?!'.

ˋ עיין 'ליקוטי הלכות' הל' הרשאה ה"ג אות ז': עַל יְדֵי שֶׁאָדָם מִתְבּוֹדֵד בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ וְשׁוֹפֵט אֶת עַצְמוֹ עַל כָּל מַעֲשָׂיו שֶׁעָשָׂה וּמְעוֹרֵר עַצְמוֹ לַעֲבוֹדַת ה' יִתְבָּרַךְ בְּכָל פַּעַם וְעַל יְדֵי שֶׁיֵּשׁ מִשְׁפָּט לְמַטָּה אֵין דִּין לְמַעְלָה כַּנַּ"ל, וּבִפְרָט אִם זוֹכֶה לְהִתְעוֹרֵר עַד שֶׁעוֹשֶׂה מִשְׁפָּט בְּעַצְמוֹ מַמָּשׁ, דְּהַיְנוּ שֶׁמִּתְעַנֶּה וּמְסַגֵּף עַצְמוֹ אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ עוֹלֶה לִכְלוּם נֶגֶד מַעֲשָׂיו כַּנַּ"ל, אַף עַל פִּי כֵן מֵאַחַר שֶׁהוּא בְּעַצְמוֹ עוֹשֶׂה הַדִּין בְּעַצְמוֹ עַל יְדֵי זֶה מְבַטֵּל מִמֶּנּוּ כָּל הַדִּינִים שֶׁלְּמַעְלָה, אַף עַל פִּי שֶׁעָשָׂה אֲלָפִים וּרְבָבוֹת יוֹתֵר בְּלִי שִׁעוּר וָעֵרֶךְ, אַף עַל פִּי כֵן מְבַטֵּל כֻּלָּם עַל יְדֵי הַמִּשְׁפָּט שֶׁלּוֹ שֶׁשּׁוֹפֵט אֶת עַצְמוֹ כַּנַּ"ל, כִּי כְּשֶׁיֵּשׁ דִּין לְמַטָּה אֵין דִּין לְמַעְלָה.

ווען מען האט נישט דעם 'ישוב הדעת' און דעם 'חשבון', קען זיין אזוי - אז מען לויפט און לויפט, עס איז פול מיט קונים, און עס איז דארטן דא עוולות.

דער רבי רעדט (אזויפיל) ארום דעם 'צדיק אמת'. וואס רעדט ער אזוי פון 'צדיק אמת'? די וועלט פרעגט טאקע, וואס רעדט דער רבי פון דעם 'צדיק אמת'? אז א 'צדיק' - איז ער דאך 'אמת'!? ניין - (עס איז דא א) 'נקודת האמת שבין הצדיקים'[יא], עס איז דא עפעס אַן ענין פון 'אמת (לאמיתו)'[יב], עס איז אזויפיל אמת דא[יג].

עס שטייט דאך פון דעם אר"י הקדוש: אין "אמת" איז דא כמנין אמת - תמ"א. און עס איז דא אכט אמת'ן (באמת ויציב)[יד], איז אכט מאל תמ"א אמ"ת'ן - א געוואלד וואס 'אמת' איז! און עס איז דא דער 'מבחר האמת'![טו].

וואס דער מענטש איז זיך מער מיישב פארן אויבערשטן, איז מער 'אמת'.

---

[יא] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' ס"ו אות ד': יֵשׁ צַדִּיקִים הַרְבֵּה, אֲבָל יֵשׁ בְּחִינוֹת נְקֻדּוֹת הָאֱמֶת בֵּין הַצַּדִּיקִים.

[יב] עיין באריכות ב'ליקוטי הלכות' הל' רבית ה"ה.

[יג] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ברכת השחר ה"ג אות י"ז: בְּכָל דּוֹר יֵשׁ כַּמָּה צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, **אֲבָל יֵשׁ אֱמֶת לְמַעְלָה מֵאֱמֶת**, כִּי בְּוַדַּאי אֵין מַדְרֵגוֹת כָּל הַצַּדִּיקִים שָׁוִין. **וְכָל מַה שֶּׁמַּדְרֵגַת הַצַּדִּיק גָּדוֹל יוֹתֵר הָאֱמֶת שֶׁלּוֹ גָּדוֹל וּמְבֹרָר יוֹתֵר, כִּי עִקָּר הוּא הָאֱמֶת** עַד שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דּוֹר צַדִּיק אֲמִתִּי, שֶׁהוּא **בְּחִינַת נְקֻדַּת הָאֱמֶת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים**.

[יד] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' הפקר ונכנסי הגר ה"ד אות י"ז: **וְעַל כֵּן הֵם שְׁמוֹנֶה פְּעָמִים אֱמֶת** לְהוֹרוֹת שֶׁבְּכָל מִדָּה וּבְחִינָה שֶׁנִּמְשָׁכִין וְעוֹבְרִים שָׁם הָעֵצוֹת צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וְזֶה עִקַּר שְׁלֵמוּת הָעֵצוֹת שֶׁעַל יָדָם עוֹלֶה הָאֱמוּנָה, כִּי כָּל הַשְּׁקָרִים וְכָל הָרַמָּאוּת וְכָל מִינֵי הַהַטְעָאוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַמְּנִיעוֹת וּמְעַכְּבִים שֶׁמַּטְעִין וּמְעַכְּבִין וּמְבַלְבְּלִין וּמְרַמִּין אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכֻלָּם יֵשׁ בָּהֶם אֱמֶת כִּי אִם לָאו לֹא הָיָה בָּהֶם כֹּחַ לְהַטְעוֹת וּלְרַמּוֹת אֶת הָאָדָם, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, כָּל שֶׁקֶר שֶׁאֵין בּוֹ אֱמֶת מִתְּחִלָּתוֹ אֵינוֹ מִתְקַיֵּם בְּסוֹפוֹ. **וְלִפְעָמִים יֵשׁ בָּהֶם אֱמֶת הַרְבֵּה, אֲבָל אַף עַל פִּי כֵן בְּחוּט הַשַּׂעֲרָה שֶׁנּוֹטִים מֵהָאֱמֶת בְּאֵיזֶה בְּחִינָה נִצְמָחִים מֵהֶם עֵצוֹת רָעוֹת מְאֹד** הַמְאַבְּדִין אֶת הָאָדָם חַס וְשָׁלוֹם מִשְּׁנֵי עוֹלָמוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, בִּבְחִינַת יֵשׁ דֶּרֶךְ יָשָׁר לִפְנֵי אִישׁ וְאַחֲרִיתָהּ דַּרְכֵי מָוֶת, שֶׁהַתְחָלַת הַדֶּרֶךְ הִוא בֶּאֱמֶת דֶּרֶךְ יָשָׁר, אֲבָל בְּסוֹף וְאַחֲרִית נוֹטֶה מֵהָאֱמֶת וּמְהַפֵּךְ הָעֵצָה וְעַל כֵּן אַחֲרִיתָהּ דַּרְכֵי מָוֶת. **וְעַל כֵּן עִקַּר שְׁלֵמוּת הָעֵצָה הִיא** רַק כְּשֶׁהִיא כֻּלָּהּ אֱמֶת בִּבְחִינַת כֻּלֹּה זֶרַע אֱמֶת, הַיְנוּ שֶׁתִּהְיֶה אֱמֶת **מִתְּחִלָּה וְעַד סוֹף** בְּכָל הַבְּחִינוֹת וְכָל זֶה בָּרוּר וּמוּבָן לְכָל מַשְׂכִּיל הֶחָפֵץ בֶּאֱמֶת.

[טו] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' ל"ח אות ג': הַתְחָלַת עֲלִיּוֹת שֶׁל הַדִּבּוּר, הוּא מֵרֹאשׁוֹ. הַיְנוּ **מֵהַמֻּבְחָר הָאֱמֶת** שֶׁיֵּשׁ בְּהַדִּבּוּר, שֶׁהוּא נִקְרָא רֹאשׁ. **כִּי יֵשׁ כַּמָּה אֱמֶת**, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ (סַנְהֶדְרִין צ"ז): 'אֱמֶת נַעֲשֶׂה עֲדָרִים', וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים קי"ט): **"רֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת"**.

# 'שוטה אינו מרגיש'

"וְחִשֵּׁב הַדְּבָרִים שֶׁהוּא צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם, וּמָצָא שֶׁלֹּא יָצָא יְדֵי חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם. כְּגוֹן שֶׁהָיָה צָרִיךְ לֵילֵךְ אָנָה וָאָנָה בְּתוֹךְ הַבַּיִת כָּךְ וְכָךְ פְּעָמִים".

צדיקים פלעגן זיך ארומדרייען אין זייער שטוב.

"כְּפִי מַה שֶׁהָיָה צָרִיךְ כְּפִי הַשָּׂגָתוֹ הַגְּבוֹהָה וּבְאוֹתוֹ הַיּוֹם לֹא הָלַךְ כָּל כָּךְ בַּבַּיִת כָּרָאוּי לוֹ, וְעַל יְדֵי זֶה נָפַל בְּדַעְתּוֹ מְאֹד עַד שֶׁלֹּא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ עַד שֶׁהֶחֱיָה עַצְמוֹ בַּמֶּה שֶׁזָּכָה שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי".

עס איז אים נאר געבליבן די זכיה פון 'שלא עשני גוי'. וואו ער האט געקוקט, האט ער אלץ געזעהן אז עס איז נישט בשלימות. נאר דער 'שלא עשני גוי' - דאס איז דאך דעם אויבערשטנ'ס ארבעט[טז].

"וְגַם בְּסִפּוּר הַמַּעֲשֶׂה הָיָה קְצָת שִׁנּוּי וְאֵינִי זוֹכֵר יוֹתֵר.

"וּמִזֶּה הָעִנְיָן תָּבִין מַעֲלַת הַפְלָגַת אוֹתוֹ הַצַּדִּיק כַּמָּה הָיָה גָּדוֹל בְּמַעֲלָתוֹ שֶׁהָיָה לוֹ עֲבוֹדָה גְּבוֹהָה בַּמֶּה שֶׁהָלַךְ אָנֶה וָאָנָה בְּתוֹךְ הַבַּיִת עַד שֶׁעַל יְדֵי שֶׁמִּעֵט לְפִי דַּעְתּוֹ בַּעֲבוֹדָה זֹאת, הִצְטַעֵר כָּל כָּךְ עַד שֶׁכִּמְעַט לֹא הָיָה יָכוֹל לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ לוּלֵא שֶׁהִזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי.

"רְאֵה וְהָבֵן וְהַבֵּט עֲבוֹדַת הַצַּדִּיקִים וְצַעֲרָם עַל מִעוּטָם בַּעֲבוֹדָתָם עַד הֵיכָן עַד הֵיכָן מַגִּיעַ, אַשְׁרֵי לָהֶם!".

---

[טז] עיין שם בהמעשה שאחר הסיפורי מעשיות: וּכְשֶׁיִּזְכֹּר הֵיטֵב חֶסֶד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עָלָיו, שֶׁלֹּא עָשָׂהוּ גּוֹי, בְּוַדַּאי רָאוּי שֶׁתִּגְדַּל שִׂמְחָתוֹ מְאֹד. וְהִיא שִׂמְחָה שֶׁאֵין עָלֶיהָ עַצְבוּת, כִּי בִּשְׁלָמָא כְּשֶׁמְּשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ בְּדָבָר שֶׁעָשָׂהוּ הוּא עַצְמוֹ, עַל זֶה אֶפְשָׁר לִמְצֹא עַצְבוּת עַל כָּל שִׂמְחָה, כִּי יִמְצָא לוֹ חֶסְרוֹנוֹת בְּכָל דָּבָר כְּדֵי שֶׁלֹּא לְהַנִּיחוֹ לְהָרִים וּלְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ, אֲבָל בָּזֶה שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, שֶׁהוּא רַק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עָשָׂה כָּךְ וְחָמַל עָלָיו וְלֹא עָשָׂהוּ גּוֹי, אֵיךְ אֶפְשָׁר לִמְצֹא חִסָּרוֹן בְּזוֹ הַשִּׂמְחָה מֵאַחַר שֶׁהוּא רַק מַעֲשֵׂה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי בְּוַדַּאי אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, עַל כָּל פָּנִים הוּא הֶפְרֵשׁ גָּדוֹל בֵּינוֹ לְבֵין עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים, אֲשֶׁר אֵין שִׁעוּר וָעֵרֶךְ.

**אז מען איז זיך נישט מיישב פארן אויבערשטן, פילט מען גארנישט, "השוטה אינו מרגיש"[יז], מען פילט נישט קיין הפסד, מען לאכט און מען שטיפט, און מען פילט נישט אז דאס איז שוין הפסידות.**

**ער דארף דאך פילן א הפסד - ער פילט נישט די הפסידות, ער גיט אוועק צייט, ער גיט אוועק דיבורים וואס מען דארף נישט רעדן, און געדאנקען אוודאי וואס מען דארף נישט טראכטן, דאס איז דאך אלץ הפסידות - געוואלד!**

**אבער דער וואס האט א 'ישוב הדעת' איז דאך נישט שייך צו זאגן אז 'דאס וועט ער אפלאזן', מען דארף דאך אויף אלעם האבן 'ישוב הדעת'. אז דאס וועט ער אפלאזן, ער וועט קיינמאל נישט טראכטן וועגן דער זאך, איז אפגעלאזט.**

**דער וואס האט 'ישוב הדעת', לאזט נישט אפ קיין שום זאך, ער ווערט נישט נתפעל - 'כ'האב געדאווענט, כ'האב געלערנט', נאר - 'ווי אזוי האב איך געדאווענט?!' 'ווי אזוי האב איך געדאווענט שמונה עשרה?! - האב איך אינזין געהאט דער גאנצער שמונה-עשרה ביי יעדער ברכה וואס מען דארף האבן?!' - ער לאזט נישט אפ קיין שום זאך, ער דארף דאך דערציילן דעם אויבערשטן - 'איך האב געדאווענט היינט', 'איך האב געלערנט' וכו' וכו'.**

**עם שטייט אין "תיקונים"[יח], רעכנט ער אויס, עם קומען אריין די 'מארי דרגלין'** (בעת תפילת שמו"ע. ובאים מלאכים הממונים ואומרים:) **"רבונו של עולם, די 'מארי דרגלין' זענען געקומען צו דיר!" - "עפנט אויף - לאזט אריין!". [אין "תיקונים" איז מבואר דארטן ווער זענען די 'מארי דרגלין']. דערנאך קומען אריין די 'מארי דיָדִין'. און אזוי רעכנט ער אלץ אויס דארטן די אלע וואס קומען אריין און גייען פרעגן דעם אויבערשטן,** (ונותנים להם רשות:) **"יא, עפן אויף - לאז זיי אריין!" - א גאנץ געשעפט טוהט זיך אפ דארטן - מען קומט צום אויבערשטן און מען זאגט: "די זענען געקומען - זאל מען זיי אריינלאזן?" - "לאז זיי אריין!".**

---

[יז] עיין גמ' שבת דף י"ג ע"ב; 'מבחר הפנינים' שער המוסר.

[יח] דף ל"ג ע"א.

על־כל־פנים, זאל איך כאטש דער זאך טוהן - זיך מיישב זיין. איך דארף פירן א חשבון וואס איך טוה. נישט נתפעל ווערן - 'כ'לערן - א למדן', (נאר זעהן צו) טוהן רצון השי"ת, 'ריח ניחוח לה'', אט דאס איז אינגאנצן. דערפון זענען געווארן די גאר גרויסע צדיקים. און דאס וויל דער רבי - די עצה.

אינ'אמת'ן איז דאך דאס אַן עצה פאר גאר גרויסע מענטשן - 'מארי דחושבנא'! אבער די עצה איז שייך פאר יעדן איינעם אויך. נאר דער צדיק איז געווען 'מארי דחושבנא' צו ער האט זיך אזויפיל גערדייט - צו ווינציגער א דריי; אבער פאר יעדן איינעם איז דאס שייך - זיין 'ממארי דחושבנא', נישט אפלאזן קיין טאג וואס איך גיב נישט קיין חשבון.

איי וואס האב איך אז איך האב געגעבן חשבון? דאס אליין איז א גוטע זאך, איך דערצייל דעם אויבערשטן, 'דעם' הפסד, 'דעם' הפסד, און איך בעט דעם אויבערשטן! 'לא ימָלט' אז עס וועט שוין מארגן אביסל ווינציגער הפסד זיין, און אז נישט מארגן - וועט זיין איבערמארגן, וועט זיין אין זעקס מארגנס, אין צען מארגנס, די הפסדים וועלן ווערן ווינציגער.

## נקודת החבר

דאס איז דאך אינגאנצן דער ענין פון חברים[יט]. אינ'אמת'ן טאר איך דאך נישט דערציילן קיין חבר וואס אויף מיר גייט איבער, איך טאר נישט נאר פאר השי"ת אליין. נאר אז איך האב א חבר און מען רעדט זיך צוזאמען, ממילא זעה איך שוין זיין 'טוב' - און ער זעהט מיין 'טוב', ווערט שוין עפעס אנדערש, עס ווערט שוין עפעס אנדערש.

עס שטייט דארטן ביי דער "מרכבה"[כ]: "וְהַחַיּוֹת רָצוֹא וָשׁוֹב כְּמַרְאֵה הַבָּזָק". "והחיות" - די חיות הקדושים, "רצוא ושוב" - ער לויפט צום אויבערשטן - און שוין אויף צוריק! פאר פחד ה' לויפט ער שוין אויף צוריק - "רצוא ושוב". ווייל זיי זעהען

---

[יט] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' ל"ד אות ד' מה שבכל אחד מישראל יש נקודה יקרה מה שאין בחבירו אשר חבירו צריך לקבל זאת הנקודה ממנו.

[כ] יחזקאל א, יד.

נאר פאר זיך, (ממילא זעהען זיי) ווי עס איז דא גרעסערע; זיי זעהען נישט אונטער זיך ווי עס איז דא קלענערע מלאכים, זיי זעהען נאר אז פאר זיך איז דא מלאכים וואס זענען נענטער צום אויבערשטן און לויפן - דאס זעהען זיי.

דאס איז דער "וְקָרָא זֶה אֶל זֶה" - 'ומקבלין דין מן דין'[כא]. וואס הייסט 'ומקבלין'? ווי אזוי זענען מקבל די מלאכים? ער זעהט ווי יענער מלאך פליהט מער פון אים, ער זעהט ווי דער מלאך פליהט אוים אזויפיל; איי אונטער אים איז דאך דא מלאכים וואס זענען קלענער פון אים? דאס זעהט ער נישט! ער קוקט נאר אויף ווייטער. אט דאס איז דער 'ומקבלין דין מן דין'.

דאס איז אויך דער ענין פון 'ישוב הדעת', זעהן אז מיין חבר איז א 'ירא ושלם', איך זעה אז ער האט מער יראה, ער האט מער שלימות. נאר דאס דארף איך זעהן פון דעם חבר מיינעם!

ווער שמועסט פון גאר די גרעסערע, די יראים וכשרים, איז טאקע דא וואס צו קוקן אויף זיי, עס איז דא וואס צו זעהן פון זיי - דארף איך דאס זעהן! איך דארף נישט אראפפאלן ביי זיך וואס איך בין נישט זיי - אבער פיר א חשבון.

דער רבי זאגט אין תורה י"ד[כב], א תורה פון חנוכה, זאגט דער רבי: "מעלה זיין 'כבוד ה' לשרשו', דאס הייסט - צו 'יראה', איז דורכ'ן מכבד זיין די יראי ה'. דאס הייסט, מכבד זיין 'יראי ה'' איז מעלה דעם 'כבוד' 'לשורש היראה'". זאגט דער רבי דארטן[כג]: "ער זאל מכבד זיין די יראי ה' בלב שלם".

---

[כא] ישעי' ו, ג. ובתרגום שם.

[כב] עיין אות א', וזל"ש: לְהַמְשִׁיךְ שָׁלוֹם בָּעוֹלָם, צָרִיךְ לְהַעֲלוֹת כְּבוֹד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְשָׁרְשׁוֹ, הַיְנוּ לַיִּרְאָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים כ"ח): "לְיִרְאָה אֶת הַשֵּׁם הַנִּכְבָּד". ובהמשך שם אות ו' כתוב שם, וז"ל: כל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ יָכוֹל לֵידַע הַעֲלָאַת הַכָּבוֹד לְשֹׁרֶשׁ הַיִּרְאָה; לְפִי הַכָּבוֹד שֶׁמְּכַבֵּד אֶת יִרְאֵי הַשֵּׁם, כֵּן עָלָה הַכָּבוֹד לְשָׁרְשׁוֹ, כִּי שָׁם שֹׁרֶשׁ הַכָּבוֹד, בִּבְחִינַת (שָׁם טו): "וְאֶת יִרְאֵי ה' יְכַבֵּד". כִּי כָּל זְמַן שֶׁהַכָּבוֹד הוּא בַּגָּלוּת, כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ הוּא מְזַלְזֵל בְּיִרְאֵי הַשֵּׁם, וְכָל אֶחָד לְפִי תִּקּוּנוֹ אֶת הַכָּבוֹד, כֵּן הוּא מְכַבֵּד יִרְאֵי הַשֵּׁם.

[כג] שם אות ז'.

פארוואס בין איך מכבד דעם 'ירא השם'? ווייל איך ווייס אז ער איז א 'ירא השם' - און איך האב עס נישט אין זיך, דערפאר בין איך אים מכבד; "וְאֶת יִרְאֵי ה' יְכַבֵּד" - ווייל איך ווייס אז ער איז א 'ירא השם'.

אז איך האב נישט דער זאך וואס ער האט אין זיך - דארף איך אים מכבד זיין, ווייל אז ער האט אין זיך דער זאך און דער זאך - ממילא קען איך האבן עפעס אביסעלע א בענקאכטס צו דער זאך וואס ער האט עס און איך האב עס נישט, איז דערפאר בין איך אים מכבד.

איך בין אים דען מכבד דערפאר ווייל ער גיט מיר עפעס?! אוודאי גיט ער מיר - טאקע אט דאס גיט ער מיר, אז איך זעה אין אים זיין יראה, זיינע מידות, זיין דיבור, דער דיבור איז ביי אים געהייליגט, איך זעה אלעס אין אים. אט דאס איז דער חיוב פון "ואת יראי ה' יכבד". זאגט דער רבי דארטן, דורכדעם איז ער מעלה דעם 'כבוד' 'לשורש היראה'.

'יראת ה'' - מורא האבן פון אויבערשטן - צו דעם דארף מען מכבד זיין די יראי ה'. אז איך בין זיי מכבד, האב איך שוין מורא פארן אויבערשטן. פארוואס גיב איך אים אפ כבוד? ווייל ער טוהט דער זאך - און איך האב עס נישט; איך זעה אז דער דיבור איז ביי אים אפגעהיט, דער געדאנק איז ביי אים אנדערש, איז דארף איך אים מכבד זיין, ער איז דאך נענטער צום אויבערשטן.

## פארברענט געווארן דאס העמד

ביי דעם רבי'נס תלמידים איז געווען, יעדער תלמיד האט געהאט אין זיך אַן אנדער זאך פונעם רבי'ן: רבי נפתלי איז געווען אזא מין סארט, רבי יודל איז געווען אזא מין, רבי שמואל אייזיק איז געווען אַן אנדער סארט, יעדער האט געהאט אין זיך זיין זאך. אבער פונדעסטוועגן האט איינער דעם אנדערן געדארפט מכבד זיין, ווייל דאס וואס יענער האט געהאט אין זיך, האט ער געזעהן - אט דאס פעלט אים, מען האט געזעהן.

מען האט דען נישט געזעהן ווער רבי שמואל אייזיק איז?!

איך האב געהערט פון מענטשן וואס זיי האבן געוואוסט וואו רבי שמואל אייזיק האט געדאוונט דארטן אין שול, אין דעם ווינקל דארטן, וואו דער זייגער האט געהאנגען - דארטן האט רבי שמואל אייזיק געדאוונט. האט מען געוואוסט 'איש מפי איש' אז מען האט נישט געקענט שטיין לעבן דעם ווינקל, ער איז געווען אזוי ווי א קעסל וואס האט געקאכט, מען האט נישט געקענט צוגיין דארטן.

(אחד הנוכחים: ווען ער האט געלעבט?) יא, 'בחייו', א קעסל האט געקאכט אין אים!

ער פלעגט דאווענען מנחה ערב ראש השנה אויך מיט א טלית. ער האט אנגעטוהן דעם טלית, ער האט געדאוונט אין מזרח, און מען האט נישט געקענט צוגיין צו אים - עס איז געווען אזוי ווי א קעסל קאכט!

מען האט געוואוסט אז דער רבי האט אים געפירט אויף דעם שארף פונעם שווערד און ער איז בייגעקומען! (עיין להלן). ממילא, כאטש אנדערע האבן געוואוסט אז זיי האבן אַן אנדער גאנג פונעם רבי'ן, אבער דאס איז א גאַנג - 'א איד וואס ברענט און פלאקערט'!

רבי שמואל אייזיק האט געדינט דעם אויבערשטן פון (ערב ראש השנה) פאר מנחה ביז צומארגנס נאכן דאווענען. ער האט נאר מפסיק געווען - געכאפט דארטן עפעס פאר די סעודה. די גאנצע נאכט - געלאפן אין מקוה און ווייטער געדאוונט. ער האט געדינט דעם אויבערשטן פון פאר מנחה ביז צומארגנס נאך מוסף - א גאנצער 'מעת לעת'! געקאכט ווי א קעסל א גאנצער 'מעת לעת'!

ר' אייזיק קראסינשטיין האט מיר דערציילט אז זיין טאטע, ער האט געהייסן ר' נחמן קראסינשטיין, איז געבוירן געווארן פון א מופת פון רבי שמואל אייזיק'ן. זיין זיידע (- ר' משה) האט געהאט נקיבות, קיין זכרים האט ער נישט געהאט. און דער ר' נחמן איז טאקע געבוירן געווארן נאך דעם רבי'נס הסתלקות, ער האט געהייסן נאכן רבי'ן - נחמן.

ער (- ר' משה) איז צוגעגאנגען צו רבי שמואל אייזיק'ן און ער האט אים געבעטן ער וויל האבן א בן-זכר, האט ער אים געגעבן א ברכה, און ער האט אים געזאגט אז ביז דאס קינד וועט אלט ווערן זיבן יאר צו אכט יאר זאל ער אים ברענגען אלע ערב ראש השנה א פאָר וועש.

אזא איד! - ער האט נישט קיין השגה מער... דער ר' משה איז געווען א גרויסער עושר, האט ער ווען אים געקענט געבן - - ער וויל נישט נאר אז אויף ראש השנה זאל ער האבן צום דאווענען א נייע פּאָר וועש, דאס זאל ער אים געבן.

האט דער נחמן דערציילט, ווען ער איז שוין אלט געווען זיבן-אכט יאר אלס קינד, האט ער שוין אליין צוגעטראגן פאר רבי שמואל אייזיק'ן דאס פאר וועש. אט דאס האב איך האב געהערט פון ר' אייזיק'ן וועגן זיין טאטן - זיין טאטע איז געווען דער נחמן.

דעם ר' אייזיק האבן מיר געקענט, ער איז געווען א גרויסער ערליכער איד, ממש געווען 'לא פסק פומיה מגירסא', ער איז געווען א גרויסער למדן, א גרויסער דאווענער, ער האט געדאווענט בכוונה, אלע טאג האט מען געהערט זיין דאווענען מיט קולי קולות. אין טעפליק האט ער געוואוינט. איז זיין טאטע האט געהייסן "ר' נחמן" - דער וואס ער איז געבוירן געווארן פון דעם מופת פון רבי שמואל אייזיק'ן.

נו, ער האט אים געגעבן א שטארקע פּאָר וועש, א גרויסער גביר, נישט אפגענאַרט - א גוט פּאָר וועש, עס זאל זיין שטארק. האט ר' נחמן אליין דערציילט, אז רבי שמואל אייזיק פלעגט דאווענען ערב ראש השנה, האט ער אנגעטוהן נאר דעם קיטל מיט דעם טלית קטן, שוין, מער - נישט.

האט ער דערציילט, צומארגנס נאך מוסף ווען ער האט אויסגעטוהן דעם גארטל, איז אראפגעפאלן דאס אונטערשטע האלב העמד, און דאס אויבערשטע האלב העמד איז געבליבן. עס איז פארברענט געווארן...

אז דער גארטל איז נאך געווען, האט זיך עס געהאלטן, דער גארטל האט געהאלטן דיביידע האלבע, אבער אז ער האט אויסגעטוהן דעם גארטל, איז די אונטערשטע האלבע אראפגעפאלן... א פייער איז געלעגן אין אים, עס איז פארברענט געווארן מיטן פייער וואס האט אין אים געקאכט! - אט דאס האב איך געהערט פון דעם זוהן אליין - ר' אייזיק, וואס זיין טאטע האט דאס דערציילט.

אזוי האט ער געברענט צום אויבערשטן! א מענטש מיט אזא מין פלאקער צום אויבערשטן! געברענט אזוי צום אויבערשטן!

# מען פרעגט אָן אין זיין נאַפּילאַנקע

רבי שמואל אייזיק איז אמאל אנגעקומען קיין ברסלב צום רבי'ן. אז ער איז אריינגעקומען קיין ברסלב, האט ער באקומען אזא מין ברענונג צום רבי'ן, אזא מין תשוקה, אז ער איז געלאפן און געלאפן און געפלויגן צום רבי'ן, ער האט נישט געקענט איינהאלטן זיך.

אין ברסלב האט מען אים געקענט, די שטאט האט געוואוסט ווער ער איז. דער רבי איז דעמאלט געשטאנען, ער האט גערעדט מיט מענטשן, און ער האט געגעבן א קום אריין. א מענטש אז ער לויפט שטארק און שטעלט זיך אפ, פאלט ער, אזוי איז דער שטייגער. האט ער געגעבן א פאל צום רבי'ן צו די פיס. איז מען צוגעגאנגען אים אויפהויבן, עס איז דאך נישט קיין דרך ארץ פאר דעם רבי'ן.

**זאגט דער רבי: "טשעפּעט אים נישט! אין זיין נאַפּילאַנקע פרעגט מען זיך אויך אָן אין הימל ווער עס זאל זיין קייסער!".**

דעמאלט האט מען גערעדט פאר דעם רבי'ן, עס איז געווען צוויי ברידער, איינער איז געווען א גלויביגער אבער א שלעכטער פאר אידן, און איינער איז געווען נישט קיין גלויביגער אבער א גוטער פאר אידן. איז געווען א מחלוקת צווישן די צדיקים ווער עס זאל זיין קייסער - דער צו דער; ווייל אז דער וועט זיין קייסער, די אמונה וועט זיין גוט, אבער ער וועט אנטוהן צרות אידן, ער איז א שלעכטער פאר אידן; און אז דער אנדערער וועט זיין, וועט ער מאכן גימנאזיעם (- בתי ספר להשכלה).

דער איז געשטארבן, און דער אנדערער איז טאקע געווארן קייסער נאכדעם. האט ער באלד געמאכט גימנאזיעם, דאס איז שוין געווען שפעטער.

האט געזאגט דער רבי: "אין זיין נאפילאנקע". 'נאפילאנקע' הייסט א פראסטער וועסטל מיט וואַטע. ווער גייט א נאַפּילאַנקע? אַן ארעמאן גייט א נאפילאנקע. א גביר גייט א שיין פוטערל. "אין זיין נאפילאנקע פרעגט מען זיך אויך אָן אין הימל ווער עס זאל זיין קייסער!". (כאומר:) ער איז אויך פון די דאזיגע וואס האט א דיעה אין הימל ווער עס זאל זיין קייסער.

ער איז געווען אזוי גרויס! עס איז עפעס א קליינקייט - "רבי שמואל אייזיק"?! עס איז דאך א געוואלד, א געוואלד ווער ער איז געווען, און זיין עבודה - א געוואלד!

(השואל: וואו פלעגט ער דאווענען? אין קלויז?) אין אונזער צייט איז דארטן געהאנגען דער זייגער, האט מען געזאגט אז דארט איז געווען דער ארט וואו רבי שמואל אייזיק האט געדאווענט, אין ווינקל פון 'דרומית מזרחית' - אזוי האב איך געהערט.

ער האט אזוי געפלאקערט צום אויבערשטן, אזוי געברענט, אזוי געברענט!

אין קיבליטש איז געווען איינער זיינער א תלמיד, דער שווער (ר' אהרן קיבליטשער) פלעגט אמאל צוגיין צום קבר, ער איז עפעס א גדול געווען. דער שווער איז דאך געווען א מתבודד, איז ער צוגעגאנגען אמאל צו זיין קבר אויך דארטן, צו רבי שמואל אייזיק'ס תלמיד, דער שווער האט געוואוסט ווער ער איז.

## שוין דערמאנט ביי ברכת 'מחיה מתים'

אז זיי (- תלמידיו) פלעגן פארן צו רבי שמואל אייזיק'ן דארט אויף א שבת, פלעגן זיי פארן און זיך צונויף נעמען אלע מיט אמאל. אין קיבליטש איז געווען איינער, און דארטן אין א שטעטעלע איז אויך געווען איינער, און אזוי נאך איינער. אזוי ביז זיי זענען געקומען קיין דאשיב צו רבי שמואל אייזיק'ן איז שוין געקומען עטליכע מענטשן מיט אמאל. מען פלעגט דארפן דורכפארן 'קיבליטש' 'הייסין' וכו' - די שטעטלעך גייט אזוי איינס נאך דער אנדערע ביז דאשיב וואס דארטן איז געווען רבי שמואל אייזיק.

אמאל זענען זיי געקומען קיין קיבליטש, איז ער געווען א גוסס דער דאזיגער תלמיד פון קיבליטש, און עס איז דאך פרייטאג, זיי ווילן זיך איילן צו קומען אויף שבת אהין (- לרבי שמואל אייזיק), האבן זיי געזעהן אז מען קען נישט ווארטן אויף אים. זענען זיי אוועק. האבן זיי אינזין געהאט אז ווען זיי וועלן קומען צו רבי שמואל אייזיק'ן וועלן זיי אים דערמאנען פאר א רפואה.

רבי שמואל אייזיק פלעגט דאווענען דער מנחה פון ערב שבת אויך עטליכע שעה. ווען זיי זענען געקומען האט שוין רבי שמואל אייזיק געדאווענט מנחה. האבן זיי געכאפט א קוק ביי 'ברכת מחיה מתים', איז שוין געשטאנען אויפגעשריבן זיין נאמען...

ווי זיי זענען אוועקגעפארן, איז יענער טאקע באלד נפטר געווארן, האט ער אים שוין דערמאנט ביי 'ברכת מחיה מתים'... דער חסיד איז שוין געווען אויפגעשריבן ביי אים.

זיי האבן אים געוואלט דערמאנען ער זאל האבן א רפואה, איז נאך איידער זיי האבן אים דערמאנט דארטן, איז ער שוין געווען פארצייכנט ביי רבי שמואל אייזיק'ן פון די נפטרים, ער האט אים שוין אינזין געהאט דארטן.

ער איז געווען א הימל מענטש, ער איז געווען א געוואלדיגער מענטש, עפעס א געוואלד!

דער רבי האט א זאג געגעבן אויף אים: "לעתיד וועט מען זעהן א חילוק פון אים ביז רבי שלום (מפראהבישט)!". איז ער דאך געווען עפעס א געוואלדיגער הויכער סארט מענטש.

פונדעסטוועגן זענען געווען אנדערע וואס האבן געהאט אין זיך אזא מין סארט זאך - וואס ער האט דאס נישט געהאט אין זיך. אזוי איז געווען ביים רבי'ן. דאס האט דער רבי אים געגעבן - אזא מין סארט הנהגה.

מען האט געזאגט רבי נתן'ען אמאל אז רבי שמואל אייזיק זאגט: "אז איך זאל זאגן היינט דעם אייגענעם 'שמע ישראל' וואס איך האב געזאגט נעכטן, וואלט איך אוועקגעלייגט דעם קאפ ביים שוועל מען זאל מיר אפהאקן דעם קאפ - ס'איז מיר מיין לעבן נישט ניחא!" - אזוי האט מען דערציילט רבי נתן'ען אז רבי שמואל אייזיק זאגט אזוי[כד].

האט רבי נתן אזוי געזאגט: "אים האט דעם רבי געפירט אויף א וועג - אויף א שארפן-שווערד - און ער איז בייגעקומען; מיר האבן פון רבי'ן נישט אזוי מקבל געווען, מיר האבן מקבל געווען פון רבי'ן, אז מען קען נישט דאווענען יום כיפור, דאוונט מען צו גאט'ס-נאמען!". 'גאט'ס-נאמען' הייסט א טאג נאך יום כיפור.

---

[כד] עיין 'שבחי הר"ן' חלק שני אות ל"ד מה שהתבטא כעי"ז רבינו על עצמו ואמר בזה"ל: שֶׁאִם הָיָה יוֹדֵעַ שֶׁהוּא עַכְשָׁו בְּאוֹתָהּ הַמַּעֲלָה וּמַדְרֵגָה שֶׁל אֶשְׁתָּקַד אֵינוֹ רוֹצֶה אֶת עַצְמוֹ כְּלָל. וְאָמַר בִּלְשׁוֹן גְּנַאי עַל עַצְמוֹ עַל עִנְיָן הַנַּ"ל אִם הָיָה נִשְׁאָר בְּמַדְרֵגָה שֶׁל אֶשְׁתָּקַד רַק בְּכָל פַּעַם הוּא עוֹלֶה מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה.

מיר ווייסן אז די אנדערע תלמידים האבן אויך זייער געשמאק געדאווענט, מיט גרויס דביקות צום אויבערשטן.

אט דער ענין פון ׳מקבל געווען פון רבי׳ן אז מען קען נישט דאווענען׳ (וכו׳ כנ״ל), דאס איז אזא מין סארט הנהגה!

אז עס זאל איבערבלייבן פונעם רבי׳ן א השארה - קען נישט זיין דער וועג פון רבי שמואל אייזיק׳ן, מיר זענען נישט אזעלכע קדושים, אזעלכע צדיקים, וואס מיר זאלן קענען האלטן דערביי אז דעם ׳שמע ישראל׳ היינט (זאל זיין אנדערש) ווי דעם ׳שמע ישראל׳ (נעכטן); מען זאל פילן ביי ׳שמע ישראל׳ א גרעסערע התגלות אלקות מער ווי ער האט געפילט נעכטן וואס אויב נישט איז זיין לעבן קיין לעבן נישט - וואספארא לעבן איז דאס?! - אט דער וועג קען מען נישט האבן אין דער וועלט, מען קען נישט גיין דערמיט.

רבי נתן האט אויך אזוי געשמאק געדאווענט פארן אויבערשטן! אבער (פון רבי׳ן האבן מיר מקבל געווען) אז אויב מען קען נישט דאווענען יום כיפור - דאוון איך מארגן, דאוון איך צו ׳גאט׳ס נאמען׳.

וואס ליגט דא דערינען? אט דאס איז א השארה וואס איז טאקע אויף דור-דורות[כה].

## זיך האלטן אין יעדן מצב

דערפאר טאקע, דעם רבי׳נס זאך האלט זיך טאקע, ווייל די התחזקות פון דעם רבי׳נס זאך איז געוואלדיג גרויס; אין איין אופן (- אויף איינמאל) זאגט ער: ״מען דארף זיך ציהען צו די העכסטע מדריגה, און נישט אַראָפּפאַלן פון די נידריגסטע!״.

א מענטש וואס ער ציהט זיך באמת צו די העכסטע מדריגה - און ער גיט א פאל - מיר מאָלן זיך דאס נישט אויס וואס עס הייסט ׳א מענטש ציהט זיך צו די העכסטע

[כה] עיין ׳ליקוטי הלכות׳ הל׳ פדיון בכור ה״ה אות י״ט: **׳וּמֶמְשַׁלְתְּךָ בְּכָל דּוֹר וָדֹר׳**. כִּי זֶה עִקַּר הֶאָרַת הַדַּעַת הַנַּ״ל שֶׁיִּתְקַיֵּם מַלְכוּתוֹ וּמֶמְשַׁלְתּוֹ יִתְבָּרַךְ מִדּוֹר לְדוֹר לָנֶצַח כַּנַּ״ל. וְזֶה עַל יְדֵי **׳סוֹמֵךְ ה׳ לְכָל הַנֹּפְלִים וְזוֹקֵף לְכָל הַכְּפוּפִים׳**, הַיְנוּ בְּחִינַת הַמְשָׁכַת הַדַּעַת הַנַּ״ל בְּדָרֵי מַטָּה שֶׁעִקָּרוֹ לִסְמֹךְ וְלִזְקֹף אֶת כָּל הַנּוֹפְלִים וְהַכְּפוּפִים לְחַזְּקָם וּלְאַמְּצָם, לְסַעֲדָם וְלַהֲקִימָם שֶׁלֹּא יִפְּלוּ עַל יְדֵי שֶׁמּוֹדִיעִים לָהֶם כִּי ה׳ אִתָּם עֲדַיִן.

מדריגה'; ער האט א תשוקה - 'איי איי, דער אויבערשטער איז אזוי הייליג, אזוי גרויס!' - ער ציהט זיך צו די העכסטע מדריגה - און ער גיט א פאל אויף צוריק.

דער וועג פונעם רבי'ן איז אזוי - 'ציה זיך צו די העכסטע, און נישט אראפפאלן אפילו מען גיט דיר א קלאפ!', דאס איז דער וועג.

און אז דאס איז דער וועג, קען ער זיך שוין האלטן 'כל ימיו', און ער קען שוין מקַרב זיין יעדן איינעם, ווייל ער האט דאך א וועג - אז 'ציה זיך צו די העכסטע מדריגה - און פאל נישט אראפ פון די נידריגסטע!'.

טאקע די וואס זענען גאר הויך, גיט מען אים פון אויבן א ווארף - 'לאמיר זעהן צו ער וועט זיך האלטן אזוי אויך!' - דאס איז אויך א בקיאות; דער אויבערשטער וויל דאך פרואוון יעדן חייל ווי האלט ער זיך אין אים.

עס איז געווען אמאל, נאשקעס טאטע, ר' מרדכי קאנעלסקי, איז א גרויסער בעל-צדקה געווען. ער איז נישט געווען קיין עושר, נאר ער האט צעטיילט אינגאנצן, אפשר האט ער זיך געלאזט די מעשר און אפשר דאס אויך נישט, ער פלעגט אלעס צוטיילן.

ער איז געווען כרוך נאך רבי געצען. ר' געצע איז געווען א גרויסער ארעמאן. איז ער געקומען צו פארן נאך סוכות, ער האט געקויפט א זאק מעל, מיט א פיר האלץ, און אים אריינגעטראגן אין שטוב אריין, וועט ער שוין האבן אויף א האלבן ווינטער דארטן צו עסן און צו ווארעמען דער שטוב. נאכדעם איז ער געקומען - און נאכאמאל אזוי געטוהן.

(השואל: וואו האט ער געוואוינט ר' מרדכי?) אין קרימענטשוק.

אמאל איז ער געקומען צוגיין, האב איך געזעהן ער איז אביסל מרה שחורה'דיג. זאג איך אים: "מאָטיע, וואס טוהסטו אזוי?" זאגט ער: "נישט פון מיך בין איך מרה שחורה'דיג, נאר איך בין געוואוינט אז איך קום אהער צו דא (לאומאן) און די אלע חברה (- עובדי ה') דארף איך גיבן, און איך קען נישט, איך האב נישט, די פרנסה איז אראפגעפאלן - איך האב נישט!".

דעמאלט האב איך מיט אים גערעדט: "דער אויבערשטער האט דיך געפרואווט פריער ווען דו האסט געהאט - ווי אזוי דו וועסט זיך האלטן; איצטער וויל ער דיך

**פרואוון - אז דו האסט נישט; דו ביסט דאך א זעלנער, מען וויל זעהן ווי וועסטו זיך האלטן אז דו וועסט נישט האבן!".**

"דו וועסט נישט האבן, דו וועסט נישט קענען געבן, און ווי וועסטו זיך דעמאלט האלטן!".

דער אייגענער בעל־בית וואס האט דיך געגעבן פריער, דער אייגענער גיט דיך איצטער נישט - דער אייגענער בעל בית פון דער וועלט. און פארוואס טוהט ער דאס? דו ביסט דאך געווען אזא מין גוטער טיילער - פארוואס זאל ער דיר מאכן אוים טיילער? דער תירוץ איז, 'איך וויל זעהן ווי וועסטו זיך האלטן אזוי אויך' - אין אלע צייטן.

אין קהלת[כו] שטייט, עס איז דא י"ד 'עתים לטובה', און י"ד 'עתים לרעה', דארטן די כ"ח עיתים. ברענגט דער רבי[כז] דעם פסוק: "בְּכָל עֵת יִהְיוּ בְגָדֶיךָ לְבָנִים" - אין 'אלע צייטן' זאל זיין 'בגדיך לבנים'. 'בגדיך לבנים' איז א גרויסע זאך - אין אלע צייטן - נישט נאר אין די 'עתים לטובה'.

דער אויבערשטער וויל זעהן, ער וויל אים פרואוון אמאל; נישט דערפאר ווייל ער האלט נישט פון אים, נאר 'איך וויל זעהן דו זאלסט זיך האלטן מיט מיר אין אלע צייטן, אין אלע כ"ח עתים; דו האסט זיך געהאלטן אין די י"ד 'עתים', ווי וועסטו זיך האלטן אין די אנדערע י"ד 'עתים'[כח].

---

[כו] ג, א-ח.

[כז] 'ליקוטי מוהר"ן' סי' כ"ט אות ג': יֵשׁ כ"ח עִתִּים, עִתִּים לְטוֹבָה, עִתִּים לְרָעָה. וְצָרִיךְ לְהַכְנִיעַ שִׁפְחָה בִּישָׁא, שֶׁהִיא עֵת רָעָה. בִּבְחִינַת (קֹהֶלֶת ט): "בְּכָל עֵת יִהְיוּ בְגָדֶיךָ לְבָנִים", 'בְּכָל עֵת' דַּיְקָא.

[כח] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' פסח ה"ט אות י"ג: כַּמָּה וְכַמָּה עִתִּים עוֹבְרִים עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, כִּי יֵשׁ כ"ח עִתִּים עִתִּים לְטוֹבָה עִתִּים לְרָעָה וּבָהֶם כְּלוּלִים כָּל הָעִתִּים הָעוֹבְרִים עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיּוֹם הִוָּלְדוֹ עַד יוֹם מוֹתוֹ. אֲשֶׁר עֲלֵיהֶם הִתְחַנֵּן דָּוִד, "בְּיָדְךָ עִתֹּתָי הַצִּילֵנִי מִיַּד אוֹיְבַי וּמֵרֹדְפָי". וְזֶה עִקַּר שְׁלֵמוּת הַצַּדִּיק הַגָּדוֹל בְּמַעֲלָה הַמְלַמֵּד תּוֹרָה וָדַעַת לְיִשְׂרָאֵל, כְּמוֹ יִשָּׂשכָר שֶׁיּוּכַל לְהָאִיר בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל שֶׁיּוּכַל לְהִתְחַזֵּק וְלִשָּׁאֵר עַל עָמְדוֹ בְּכָל הַזְּמַנִּים וְהָעִתִּים הָעוֹבְרִים עָלָיו ... וְכֵן כָּל הָעִתִּים בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת שֶׁעוֹבְרִין עַל הָאָדָם פְּעָמִים הוּא בִּבְחִינַת עֲלִיָּה וּפְעָמִים הוּא בִּבְחִינַת יְרִידָה. וְגַם בִּבְחִינַת הָעֲלִיָּה בְּעַצְמָהּ יֵשׁ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת מַדְרֵגוֹת ... כִּי בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיַּעֲבֹר עַל כָּל אָדָם כַּמָּה וְכַמָּה מִינֵי עִתִּים שׁוֹנִים, וּבִפְרָט עַל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הָרוֹצֶה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁבִּשְׁבִילוֹ נִבְרָא הַכֹּל. וְהַצַּדִּיק

איך האב אים מחיה געווען, ער איז פרייליך געווארן.

"דערנאך אז דער אויבערשטער וועט זעהן אז דו האלסט זיך דא אויך, וועט ער דיר צוריקגעבן!".

עס איז טאקע אזוי געווען, נאכדעם איז ער געווארן צוריק, ער האט צוריק באקומען (געלט).

'איך וויל זעהן ווי דו האלטסט זיך אזוי, דו ביסט מיינער א זעלנער!'.

דאס איז אלץ דער ענין פון 'ציען זיך צו די העכסטע, און נישט אראפפאלן' (וכו'). מען גיט אמאל א פאל, א קלאפ.

## געבליבן רבי שימעלע

אזא מין רבי שימעלע איז געווען! דער רבי האט דאך געזאגט[כט] אז שמעו"ן מאכט "עו"ן מ"ש" - אויסגעטוהן פון עבירות.

רבי נתן האט געזאגט אויף אים: "אויף אים איז מקויים געווארן דעם מאמר חז"ל[ל]: "אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל" - 'שממית עצמו עליה'!" - ער איז זיך ממית אויף דער תורה! מען האט דאך אים ממש גע'הרג'עט[לא].

---

הַדּוֹר הָאֲמִתִּי, בְּחִינַת יִשָּׂשכָר, הוּא מֵאִיר בְּיִשְׂרָאֵל בִּינָה לָעִתִּים לָדַעַת מַה יַּעֲשֶׂה יִשְׂרָאֵל שֶׁיֵּדַע כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל מַה יַּעֲשֶׂה בְּכָל עֵת בְּאֹפֶן שֶׁלֹּא יִפֹּל וְלֹא יִתְרַחֵק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְעוֹלָם.

[כט] 'שיחות הר"ן' אות מ"ד.

[ל] גמ' שבת דף פ"ג ע"ב.

[לא] עיין 'כוכבי אור' ערך 'אנשי מוהר"ן אות י"ז: ר' שִׁמְעוֹן זַ"ל הָיָה אִישׁ עוֹסֵק בְּמַשָּׂא וּמַתָּן, וְאַף עַל פִּי כֵן הִרְבָּה מְאֹד בְּתוֹךְ זֶה לַעֲסֹק בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ וְגַם הוּא הִרְבָּה מְאֹד בְּהִתְבּוֹדְדוּת וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ עַל פְּנֵי הַשָּׂדֶה, לִפְעָמִים בַּיּוֹם וְלִפְעָמִים בַּלַּיְלָה וּפַעַם אַחַת נִתְיַשֵּׁב וְקָבַע דִּירָתוֹ בְּאֵיזֶה קְרֶעטְשְׁמִי שֶׁהָיְתָה סְמוּכָה לָעִיר כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לוֹ בְּנָקֵל לֵילֵךְ בְּכָל עֵת לְהַיַּעַר לְהִתְבּוֹדֵד וּלְפָרֵשׁ שָׁם שִׂיחָתוֹ וְגַם בְּבוֹאוֹ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בָּחַר לוֹ שָׁם אֵיזֶה מָקוֹם בִּקְצֵה הָעִיר הַסָּמוּךְ לַשָּׂדֶה, בְּמָקוֹם שֶׁאֵין בְּנֵי אָדָם מְצוּיִים כָּל כָּךְ, וְשָׁם הִרְבָּה לַעֲסֹק בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וּבִפְרָט בִּתְפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת יוֹמָם וָלַיְלָה עַד עֵת פְּטִירָתוֹ זַ"ל; גם עיין 'שיש"ק' ח"ג אות ר': רַבִּי שִׁמְעוֹן תַּלְמִיד רַבֵּנוּ הִסְתַּלֵּק לְאַחַר שֶׁהִתְנַפְּלוּ עָלָיו עֲרָבִים שׁוֹדְדִים בִּהְיוֹתוֹ מִחוּץ לָעִיר וְהִכּוּהוּ קָשׁוֹת, כְּשֶׁחָזַר לְבֵיתוֹ שָׁכַב רָתוּק לְמִטָּתוֹ מֶשֶׁךְ כַּמָּה שָׁבוּעוֹת עַד שֶׁנִּפְטַר.

**ער איז דאך געווען א געוואלד! ווער ר' שמעון איז געווען! דער ערשטער** (תלמיד רבינו) **! ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן נאך פאר דער חופה**[לב].

**אויף דריי יאר איז ער געווען פארשיקט גאר און פארווארפן אין אזעלכע מיני ערטער וואס דארטן איז קיין אידן נישטא, אפילו קיין מקוה איז נישטא, קיין מנין איז נישטא, דריי יאר צייט, אבער ער איז געווען רבי שימעלע דארטן אויך.**

**א מעשה איז געווען, עטליכע מאל האט ער צעהאנדלט זיך, ער האט געהאט דעם רבי'נס געלט אויך, און ער האט זיך מיט דעם פארהאנדלט אדער וואס, געווענטליך - אין מסחר. האט דער רבי א זאג געגעבן: "ער האט דערווערד אז מען זאל אים פארשיקן!"**[לג]**. איז ער געווארן פארשיקט אויף דריי יאר.**

**ער איז אריין אין טיף רוסלאנד. רוסלאנד איז אזוי גרויס אז מען קען פארן אויף א שיף דריי וואכן און עס זאל נאך אלץ זיין רוסלאנד - א וועלט. איז ער פארשיקט געווארן צווישן רוסישע ערטער. אבער דארטן איז ער אויך געווען "רבי שמעון"!**

**דארטן האבן די גוים אים געזעהן, זיי האבן דערקענט ווער ער איז, ער האט געהאט עפעס א באזונדערן חדר, ער האט דארט געדינט דעם אויבערשטן, ער האט זיך נישט געקענט אויסדרייען זיך, און ער האט געהאט דארטן א נסיון, א גרויסן נסיון.**

(אחד הנוכחים: די ליפן) **יא יא, ער האט זיך אויסגעריסן א ליפ!**

---

[לב] עיין 'חיי מוהר"ן' אות ק"ו.

[לג] עיין 'שיחות הר"ן' אות קע"ג: הַמַּעֲשֶׂה שֶׁהָיָה בְּמֶעדְוֶועדִוְוקֶע שֶׁהִקְפִּיד עָלָיו רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְכוּ', וְאֵינִי בָּקִי בַּמַּעֲשֶׂה הַזֹּאת הֵיטֵב. וּמֵחֲמַת זֶה אָמַר רַבֵּנוּ פַּעַם אַחַת: **אֲנִי רוֹצֶה לְשַׁלֵּחַ** (שֶׁקּוֹרִין **פַאר שִׁיקֶען**) **מֵעֵבֶר לַנָּהָר דַּאן.** וְסִבֵּב הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ סִבּוֹת שֶׁבְּסָמוּךְ מְאֹד נִתְגַּלְגֵּל הַדָּבָר שֶׁנָּסַע רַבִּי שִׁמְעוֹן לְשָׁם לִסְבִיבוֹת נְהַר דַּאן הַנַּ"ל שֶׁהוּא רָחוֹק בְּעֵרֶךְ מֵאָה פַּרְסָאוֹת וְיוֹתֵר מִמֶּעדְוֶועדִוְוקֶע. כִּי שָׁם עִקַּר מְדִינַת רוּסְיָא כַּיָּדוּעַ, וִיהוּדִים אֵינָם נִמְצָאִים שָׁם כִּי אִם אֶחָד מֵאֶלֶף. וּבִפְרָט לִפְנֵי כַּמָּה שָׁנִים. וְנָסַע רַבִּי שִׁמְעוֹן לְשָׁם לְפִי שָׁעָה. וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ סִבֵּב שֶׁנִּתְקַיֵּם דִּבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וְהֻכְרַח רַבִּי שִׁמְעוֹן לְהִתְעַכֵּב שָׁם כַּמָּה שָׁנִים. וּמַה שֶּׁעָבַר עַל רַבִּי שִׁמְעוֹן בְּאוֹתָן הַשָּׁנִים יִקְצְרוּ הֲמוֹן יְרִיעוֹת. כִּי הָיָה דָּר בֵּין הַגּוֹיִים כַּמָּה שָׁנִים וְכוּ'. **וְהָיָה לְרַבִּי שִׁמְעוֹן שָׁם כַּמָּה נִסְיוֹנוֹת.** וּבְתוֹךְ כָּךְ בְּאוֹתָן הַשָּׁנִים שֶׁהָיָה רַבִּי שִׁמְעוֹן שָׁם, בְּתוֹךְ כָּךְ יָצָא רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מִזְּלַאטִיפָּאלְיֶע וְקָבַע דִּירָתוֹ פֹּה בְּרֶסְלֶב. וְיָשַׁב כָּאן לְעֵרֶךְ שְׁתַּיִם אוֹ שָׁלֹשׁ שָׁנִים. וְאַחַר כָּךְ בָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן לְכָאן.

אז ער האט געהאט דעם נסיון - האט דער רבי זיך אנגערופן: "נו, עס איז שוין א רחמנות אויף אים, מען דארף אים שוין ברענגען צוריק!". איז ער געקומען קריק.

ווען ער איז געקומען, האט מען אים געפרעגט: "וואס האט דיך געהאלטן דארטן דריי יאר - דו האסט דאך געקענט (אוועקגיין)?" (ענה:) "איך ווייס נישט וואס עס איז געווען, איך בין עפעס אזוי געווען פארדרייט!" ער האט נישט געקענט זיך אויסדרייען צוריק. אבער אז עס איז געקומען דער צייט - ער איז שוין דא צוריק.

האט ער זיך דערהאלטן אין אויבערשטן דריי יאר זייענדיג פארשיקט.

עס איז פארהאן אמאל אזא מין סארט חייל - דער אויבערשטער וויל זעהן וואס וועט ער דארט טוהן.

פארשטייט מען וואס ער האט זוכה געווען דורך דעם זיך האלטן דארטן דריי יאר, א געוואלד די מדריגות וואס ער האט זוכה געווען דערויף. דא (בעולם הזה) דאכט זיך אז ער איז פארשיקט, אבער למעלה זעהט מען ווי האלט ער זיך אין אזא מין מצב.

אזא מין מצב קען מען עפעס אויסמאלן?! ער האט דאך געהאט דארטן דריי פסחים אויך, דריי יאר פסח, מוז מען דאך דארטן זיין נאר מיט קארטאפלעס און מיט וואסער, מען קען נישט מקיים זיין דעם כזית מצה.

(השואל: ער האט טאקע נישט געגעסן מצה?) מען ווייסט נישט, מען ווייסט נאר אז ער איז געווען דריי יאר פארשיקט, ער האט נישט געקענט קומען צוריק בשום-אופן, ער האט נישט געקענט ארויסגיין.

פארשטייט מען דאך; א מענטש איז דריי יאר אין אזעלכע ערטער - און דארטן איז ער געווען "רבי שימעלע"! ער האט געהאט א באזונדערן חדר און געדינט דעם אויבערשטן מיט עבודות, מיט חצות, מיט התבודדות, דארטן איז ער אויך געווען "רבי שימעלע" - דארטן!

# 'ואני תמיד עמך'

דער אמת איז, א מענטש ווייסט גארנישט, ער ווייסט נישט ווען איז ביי אים דער גוטער טאג און ווען נישט.

דער רבי ברענגט אין תורה ל"ג[לד] א פסוק אין קהלת: "בְּיוֹם טוֹבָה הֱיֵה בְטוֹב, וּבְיוֹם רָעָה רְאֵה". "ביום טובה היה בטוב" - דאס פארשטייט מען, און "ביום רעה" זאלסטו זעהן גוט וואס דארטן טוהט זיך! (- בוודאי ימצא שם טוב).

"ביום טובה" האט ער דאך כל-טוב, ער לערנט און דאוונט; אבער "ביום רעה", פערצן צייטן וואס עס איז נישט קיין גוטע, די י"ד עתים, "ראה" - זעה דארטן, זעה!

איי דו ווילסט זיין נאר 'ביום טובה'? 'לאו כל אדם זוכה לזה'!; און ווידער, מען וויל דיר אויבן פרואוון מיט אנדערע טעג, מען וויל דיר פרואוון אזוי אויך.

די זיבן־און־צוואנציג יונגעלייט אונזערע וואס מען האט זיי פארשיקט, די צדיקים דארטן, מתתי' און אלע, זיי זענען געווען דארטן פסח, און מען האט נישט צוגעלאזט צו זיי קיין שום זאך.

(השואל: וואו? נאך אין אומאן אין תפיסה?) יא, נאך אין אומאן. די ווייבער האבן זיי געוואלט געבן דארטן מצות און עפעס מאכלים, האט מען נישט צוגעלאזט; אזעלכע רשעים! זיי האבן נישט צוגעלאזט גארנישט. האבן זיי דאך גארנישט געקענט נעמען אין מויל אריין.

נחמן שוסטער האט דערציילט, ער איז דאך אויך געווען צווישן זיי, נאר אים האט מען פארשיקט אין אַן אנדער ארט, ער איז געווען א בעל־מלאכה, האט מען אים פאר אכט יאר פארשיקט אין אַן אנדער ארט, איז ער געקומען צוריק לעבעדיג. אבער זיי האט מען פארשיקט, מען ווייסט גארנישט צו מען האט זיי פארשיקט, אפשר האט מען זיי גאר אויסגע'הרג'עט אין אומאן - ווער ווייסט?!...[לה]

[לד] אות ג', וזל"ש: וְהִנֵּה יֵשׁ שְׁנֵי מִינֵי יָמִים, יְמֵי טוֹב וִימֵי רַע. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (קֹהֶלֶת ז'): "בְּיוֹם טוֹבָה הֱיֵה בְּטוֹב, וּבְיוֹם רָעָה רְאֵה". הַיְנוּ שֶׁצָּרִיךְ לָאָדָם לְהִסְתַּכֵּל שָׁם הֵיטֵב הֵיטֵב, בְּוַדַּאי יִמְצָא שָׁם יְמֵי טוֹב.

[לה] אכן כך נתברר לאחרונה כפי המתואר בספר 'שלהבת בכפור', עיין שם.

עס איז געקומען פסח, דער זעקסטער-זיבעטער טאג, זענען זיי געלעגן אלע אויסגעלייגט אזוי ווי מתים, זיי האבן נישט געקענט אפילו רירן זיך מיט קיין איבר, אזוי ווי מתים אויסגעלייגט. אז זיי האבן געזעהן אז זיי זענען מתים, האבן זיי שוין צוגעלאזט מען זאל זיי עפעס ברענגען, אבער זיי האבן שוין נישט געקענט נעמען אין מויל אריין...

זיי האבן זיך געהאלטן שיין! זיי האבן זיך געהאלטן! אזעלכע אידן! אזא מתתי'! בשעת ער איז געווען 'ביום טובה' איז ער דאך געווען - אַה! געקאכט און געברענט צום אויבערשטן!

ווער ווייסט וואספארא מיני המתקת הדינים זיי האבן ממתיק געווען פון דער וועלט מיט זייער זיין דארטן! אזעלכע צדיקים! אין אזעלכע צייטן!

דער אויבערשטער וויל אמאל זעהן - 'ווי ווערסטו זיך האלטן אזוי, און ווי ווערסטו זיך האלטן אזוי?! - ווערסטו מיך אפלאזן, צו ווערסטו זיך האלטן אין מיר?!'.

דוד המלך זאגט א פסוק אין תהלים[לו]: "וַאֲנִי תָמִיד עִמָּךְ" - איך בין תמיד מיט דיר!

א געוואלד וואס אויף דוד המלך איז איבערגעגאנגען, עס איז דאך געווען געוואלדיג, מען האט דאך אים נאר געזוכט צו הרג'ענען, "כְּפֶשַׂע בֵּינִי וּבֵין הַמָּוֶת"[לז] - 'אזוי ווי א טריט איז צווישן מיר און דער 'מות'!'.

זאגט ער - 'איך בין תמיד מיט דיר!'.

דאס קען מען נאר האבן אז דער אויבערשטער העלפט אז מען האט דעם 'ישוב הדעת', מען איז זיך מיישב אלע טאג, דעמאלט קען מען האבן א 'ווישן' וואס דאס הייסט 'ואני תמיד עמך' - איך בין תמיד מיט דיר.

---

[לו] תהלים עג, כג.

[לז] שמואל-א כ, ג.

# ר' אבא'לע איז נישטא...

עס איז געווען ביי אונז מענטשן, גבירים, עס איז געווען ר' אבא'לע, ער איז געווען א גביר, נאר פונדעסטוועגן איז ער געווען - הָאֶ הָאֶ האט ער זיך געהאלטן!

ער איז געווען א תלמיד ביי רבי נתן'ען - רבי נתן'ס א תלמיד.

דער טאטע ר' שמואל איז געווען א גרויסער גביר, ער איז געווען נאך ביים רבי'ן, ער איז פלוצלינג געווארן א גרויסער גביר[לח], האט ער די קינדער געשיקט לערנען אין אוקריינע, ער האט זיי געלערנט לשונות. ער איז געווען דעם רבי'נס א חסיד - רבי שמואל. נאר רבי אבא'לע איז געווען גאר עפעס אנדערש, ער איז געווען פיל העכער ווי דעם פאטער. ר' אבא'לע האט געלערנט יונגל-ווייז מיט איינעם וואס נאכדעם איז ער געווארן א מיניסטער אין פעטערבורג.

ער איז געווען אזוי גרויס, אז דער גובערנאטאר פון קיעוו - די קיעווער גובערניע איז גרעסער ווי גאנץ פוילן - איז געווען מיט אים חברים. איז ווען ער האט חתונה געמאכט א קינד, איז דער גובערנאטאר געקומען פון קיעוו אויף דער חתונה אין טשעהרין.

פארשטייט זיך, א מענטש האט אזא מין כבוד מלכים, 'דער גוּבערנאַטאָר איז געקומען אויף דער חתונה', איז שוין געווען דארטן די אלע פון די (מלוכה), די מיליטערלייט, א גאנץ געשעפט געווען, און עס איז געווען אונזערע מענטשן אויך.

עס קומט האלבער נאכט - ר' אבא'לע איז נישטא! דא זיצט דער גובערנאַטאָר, מיט די אלע מיליטערלייט - און ר' אבא'לע איז נישטא!

אונזערע לייט האבן שוין געוואוסט ווער ר' אבא'לע איז... אז עס איז געקומען האלבער נאכט, האט מען געפונען ר' אבא'לע'ן אין א צימער, ער האט געהאט אסאך צימערן, איז ער געלעגן אויף דער ערד און ער האט אפגערעכט "חצות".

א מענטש מאכט חתונה א קינד, און אזעלכע גרויסע מענטשן קומען פון די מיליטערלייט, און זיי זיצן ביי אים ביים טיש, לאזט ער זיי אפ און גייט אריין און ליגט אויסגעשפרייט 'בפישוט ידים ורגלים' אויף דער ערד און רופט צום אויבערשטן!!

---

[לח] עיין 'שיש"ק' (ישן) ח"ב אות קצ"ח תוכן הסיפור איך הוא נתעשר.

- אט דאס איז געווען רבי נתן'ס א מענטש! אזעלכע מענטשן האט רבי נתן געהאט!

נו, פארשטייט מען דאס אייגענע, אז ער איז געווען א איד מיט 'ישוב הדעת'! אזא 'כבוד מלכים' האבן - ווער האט אזא כבוד מלכים?! - און נישט פארגעסן פונעם אויבערשטן, דאס קען נאר זיין אז ער זאל ארייגיין אין א באזונדערן צימער און זיך אויסלייגן 'בפרוסת ידים ורגלים' און רעדן צום אויבערשטן.

דאס איז "ואני תמיד עמך"!

איז פארהאן אמאל אזא מין סארט בחינה (וואס מען פרואווט אים מיט) אזא מין סארט רייכקייט; און אמאל קען זיין עס זאל זיין א ר' פינחס יהושע:

ר' פינחס יהושע איז געווען אזא ארעמאן, אז ער האט נישט געהאט איבערצובייטן קיין העמד. עס איז געווען עפעס א זמן וואס עס איז אים רחמנא-ליצלן געווארן דאס גאנצע לייב פול מיט בלאטערן - אזא מין סארט עניות - און ער איז געווען "רבי פינחס יהושע"!

ר' אבא'לען האט מען געפרואווט מיט אזא מין סארט גרויסע עשירות; און אים האט מען געפרואווט מיט אזא מין עניות, אז ער זאל ווערן פול מיט בלאטערן און אז ער זאל נישט האבן איבערצובייטן קיין העמד - ווייס איך וויפיל וואכן צייט.

אז ר' פינחס יהושע פלעגט דאווענען, פלעגט ער הויבן די הענט אזוי. אז דער טשעהרינער רב איז אריינגעקומען אין בית־מדרש אריין, האט ער געזאגט: **"אז איך זעה ווי ר' פינחס יהושע הויבט די הענט, פאלט אויף מיר א ציטערניש!"**.

ער האט געוואוסט וואס ר' פינחס יהושע איז - וואספארא מין הויבן די הענט!

"פאלט אויף מיר א ציטערניש!".

דאס איז צוויי בחינות; אים פרואווט דער אויבערשטער מיט אזא מין סארט עניות, און ער איז בייגעקומען; און אים פרואווט מען מיט אזא מין סארט עשירות; און ביי וועמען איז דער נסיון גרעסער, ווייסט מען נישט. עס איז דא דיעות צו דער נסיון פון עשירות איז גרעסער, צו דער נסיון פון עניות איז גרעסער[לט].

---

[לט] עיין 'חובות הלבבות' שער הכניעה פ"ד; אלשיך עה"ת דברים א פסוק א-ב; 'פלא יועץ' ערך 'עשירות' שגדול נסיון העושר מנסיון העוני.

דער אמת איז, עס איז גארנישט שייך צו זאגן קיין 'גרעסער'; בשעת מען פרואווט אים מיט 'דעם', דעמאלט דארף ער דארט זיין אַן 'עמוד חזק' - א שטארקער עמוד; פרואווט מען אים ווייטער מיט 'דעם' - (דארף ער דארטן זיין שטארק)[מ].

דער רבי רעדט דארטן אין דער תורה פון 'שבירת כלי חרס'[מא], איינעם פרואווט מען מיט אַן 'אישה רעה', און איינעם פרואווט מען מיט אַן 'אישה טובה'; ביי וועמען איז דער נסיון מער - ווייסט מען אליין נישט.

דער וואס האט אַן 'אישה רעה', געוועניטליך (- כמובן) האט ער שוין דארטן זיינע (אפקומעניש) - אבער זאל ער זיך האלטן!; און אז ער האט אַן 'אישה טובה', דארף ער אויך וויסן דאס דאזיגע, 'עס איז דא גיהנום'!; אדער אזוי - אדער אזוי; יעדער איינער דארף וויסן, ביי וואספארא מצב ער שטייט - אזוי פרואווט מען דיך.

"איי - יענער?!" - "וואספארא יענער?! דו ביסט דו, און היינט וויל דער אויבערשטער פון דיר דעם טאג; זעה דעם טאג - און נעם ארויס!" - "ביום טובה היה בטוב, וביום רעה - ראה" - זעה דעם טאג! דער טאג גייט אוועק, זעה דעם טאג!

## אָן הענט אָן פיס

אז מען האט ישוב הדעת יעדן טאג, קען דער אויבערשטער העלפן אז דער טאג זאל זיין א טאג - ווי אזוי ער איז! א טאג וואס ליגט דארטן 'ישוב הדעת', איז עס שוין א טאג, כאטש ער זעהט אז אין דעם טאג איז דא טאקע הפסידות, אבער אז עס איז דאך

---

[מ] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' קרי"ש ה"ה אות ט"ז: מַה שֶּׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁיֵּשׁ לָזֶה הַרְבֵּה עֲשִׁירוּת מְאֹד וְלָזֶה עֲנִיּוּת וְדַחֲקוּת גָּדוֹל וְכַיּוֹצֵא שְׁאָר הַשִּׁנּוּיִים רַבִּים שֶׁבְּפַרְנָסָה הַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ. וְהוּא יוֹדֵעַ מַה שֶּׁעוֹשֶׂה לְפִי עִנְיַן הַבְּחִירָה שֶׁל כָּל אֶחָד שֶׁהַבְּחִירָה שֶׁל זֶה הוּא דַּיְקָא עַל יְדֵי עֲשִׁירוּת, וְשֶׁל זֶה דַּיְקָא עַל יְדֵי עֲנִיּוּת וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה שְׁאָר הַשִּׁנּוּיִים הָרַבִּים; גם עיין שם הל' ר"ח ה"ו אות י"א: עַל כֵּן צָרִיךְ הָאָדָם לֵידַע שֶׁכָּל מַה שֶּׁעוֹבֵר עָלָיו בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו הַכֹּל בִּצְדָקָה וּבְמִשְׁפָּט בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים, כִּי יָשָׁר מִשְׁפָּטָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בְּחִירָתוֹ הוּא דַּיְקָא בְּאֹפֶן זֶה שֶׁמִּתְנַהֵג עִמּוֹ בְּכָל יוֹם וָיוֹם, כִּי ה' יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמָיו שָׁקַל בְּדַעְתּוֹ, שֶׁזֶּה הָאָדָם עִקַּר בְּחִירָתוֹ כְּשֶׁיִּהְיֶה עֹשֶׁר מֻפְלָג וְזֶה הָאָדָם עִקַּר בְּחִירָתוֹ עַל יְדֵי עֲנִיּוּת וְדַחֲקוּת גָּדוֹל וְכֵן בִּשְׁאָרֵי הַהַרְפַּתְקָאוֹת וְכוּ', כִּי הַכֹּל בִּשְׁבִיל הַבְּחִירָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט כַּנַּ"ל.

[מא] 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סימן צ'.

**פארט דא 'ישוב הדעת', איז עס א טאג, גייט עס אריין אין חשבון. אבער אָן ישוב הדעת, איז ממש קיין טאג נישט[מב].**

**מען רעדט אזויפיל - 'ישוב הדעת'! 'ישוב הדעת'! - אינגאנצן דאס לעבן פון דעם מענטש איז דאס - 'לעבן מיט חשבון'. מען האט דאס גערופן די 'מארי דחושבנא' - לעבן מיט חשבון. ווי אזוי דו וועסט מאכן, אבער לעב מיט חשבון.**

**אז עס קומט 'לעתיד', ער קומט אהינצו, מען הויבט אָן רעדן פון זיינע עוולות,** (יוכל להמליץ בעדו) **- 'אבער איך האב פארט גערעדט פארן אויבערשטן, איך האב עס אויסגערעדט, איך האב חרטה געהאט!'[מג].**

---

[מב] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' פקדון ה"ד אות י"ב באריכות, וזל"ש: אֲבָל אַחַר כָּל אֵלֶּה **אֲפִלּוּ שֶׁהוּא מִמָּארֵי דְּחֻשְׁבְּנָא** וְחוֹשֵׁב עִם עַצְמוֹ בְּכָל יוֹם וְזוֹכֵר וְיוֹדֵעַ הֵיטֵב שֶׁיָּמָיו מְנוּיִים וּסְפוּרִים וּקְצוּבִים, **אַף עַל פִּי כֵן מִגֹּדֶל הִתְגַּבְּרוּת הַסִּטְרָא אָחֳרָא** שֶׁמִּתְגַּבֶּרֶת כְּנֶגֶד הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד בְּכָל מִינֵי תַּחְבּוּלוֹת כִּי אֶת זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה אֱלֹקִים, וּבִפְרָט כְּנֶגֶד מִי שֶׁרוֹצֶה לִכְנֹס בַּעֲבוֹדַת ה', עַל כֵּן יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁאַף עַל פִּי כֵן יִתְגַּבֵּר כְּנֶגְדּוֹ הַבַּעַל דָּבָר חַס וְשָׁלוֹם, וִיבַלְבֵּל עֲבוֹדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם, וְלֹא דַּי לוֹ בָּזֶה כִּי אִם שֶׁיִּרְצֶה חַס וְשָׁלוֹם, עַל יְדֵי זֶה לִסְתֹּר יְמֵי סְפִירָתוֹ לוֹמַר לוֹ מַה בֶּצַע שֶׁתְּסַפֵּר אֶת יָמֶיךָ בְּכָל עֵת וְתַחֲשֹׁב עַל אַחֲרִיתְךָ בְּכָל יוֹם מֵאַחַר שֶׁאַתָּה רוֹאֶה שֶׁעִם כָּל זֶה אֵינְךָ פּוֹעֵל לִהְיוֹת כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת כִּי נָשְׁתָה גְּבוּרָתֶךָ וְיִצְרְךָ תּוֹקֶפְךָ רַחֲמָנָא לִצְלַן. אֲבָל אִם מַשְׂכִּיל עַל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ יֹאמַר וְיָשִׁיב לְלִבּוֹ וְאִם כֵּן **וְכִי מִשּׁוּם הָא אֶחְדֹּל לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם, לִסְפֹּר אֶת יָמַי?! הֲלֹא אַף עַל פִּי כֵן יָבוֹא קִצִּי וְאֶכְרַח לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן מִכָּל יוֹם וָיוֹם!** עַל כֵּן אַף אִם יַעֲבֹר עָלַי מָה אֲנִי עַל מִשְׁמַרְתִּי אֶעֱמֹד לִשְׁמֹר וּלְצַפּוֹת וּלְהַמְתִּין לִישׁוּעַת ה'. וּבְתוֹךְ כָּךְ אֶחֱטֹף מֵעֲבוֹדַת ה' כָּל מַה שֶּׁאוּכַל בְּכָל יוֹם וָיוֹם מְעַט אוֹ הַרְבֵּה בִּבְחִינַת חֲטֹף וֶאֱכֹל חֲטֹף וּשְׁתֵה דְּהַאי עָלְמָא דַּאֲזַלְנָן בֵּהּ כְּבֵי הִלּוּלָא דַּמְיָא, שֶׁנֶּאֱמַר עַל אֲכִילַת תּוֹרָה וּמִצְוֹת שֶׁנִּקְרָא אֲכִילָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, לְכוּ לַחֲמוּ בְלַחְמִי. וּכְשֶׁיִּהְיֶה חָזָק וְאַמִּיץ בְּדֶרֶךְ זֶה שֶׁיִּמְנֶה וִיסַפֵּר אֶת יָמָיו אַף עַל פִּי שֶׁנִּדְמֶה לוֹ שֶׁאֵינוֹ יוֹצֵא חוֹבַת הַיּוֹם **וַאֲפִלּוּ אִם הָאֱמֶת הוּא כָּךְ,** אַף עַל פִּי כֵן לֹא יִסְתֹּר סְפִירָתוֹ בִּשְׁבִיל זֶה, **כִּי אַף עַל פִּי כֵן שֶׁאֵינִי יוֹצֵא יְדֵי חוֹבָתִי בְּכָל יוֹם אַף עַל פִּי כֵן יָמַי מְנוּיִים וּסְפוּרִים** וְעַל כֵּן אֲנִי מְחֻיָּב לָשׂוּם כָּל לִבִּי וּמְגַמָּתִי וְתִקְוָתִי לְהַמְתִּין וּלְצַפּוֹת לִישׁוּעַת ה' וְכַנַּ"ל. וְאָז דַּיְקָא יוּכַל לְקַיֵּם בְּחִינַת מִצְוַת סְפִירָה כָּל יָמָיו. נִמְצָא שֶׁדַּיְקָא עַל יְדֵי בְּחִינַת הַהַמְתָּנָה שֶׁהִוא בְּחִינַת שָׁבוּעוֹת יָכוֹל לְהַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ בְּחִינַת מִצְוַת סְפִירָה כָּל יָמָיו כִּי יִזְכֶּה לַחֲשֹׁב עַל יָמָיו בְּכָל יוֹם וְלַחֲטֹף מַה שֶּׁיּוּכַל מֵאַחַר שֶׁחוֹשֵׁב עַל אַחֲרִיתוֹ בְּכָל יוֹם **וְאָז בְּוַדַּאי יִזְכֶּה שֶׁיַּגִּיעַ יוֹם יְשׁוּעָתוֹ שֶׁיִּתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ.**

[מג] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ברכת השחר ה"ה אות מ"ב: **אָז בַּיּוֹם הָאַחֲרוֹן ...** אָז יֵדַע וְיָבִין כָּל אֶחָד וְאֶחָד הַחִלּוּק שֶׁבֵּין מִי שֶׁהִשְׁתַּדֵּל וְרָדַף אַחַר הַתַּכְלִית בִּרְצוֹנוֹת חֲזָקִים בְּכָל יוֹם **אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא זָכָה אֵלָיו בִּשְׁלֵמוּת** וּבֵין מִי שֶׁלֹּא הִשְׁתַּדֵּל כְּלָל. וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (מַלְאָכִי ג) וְשַׁבְתֶּם וּרְאִיתֶם בֵּין צַדִּיק לְרָשָׁע וְכוּ', שֶׁיִּהְיֶה חִלּוּק אֲפִלּוּ בֵּין מִי שֶׁשָּׁנָה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים לְמִי שֶׁשָּׁנָה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד (חֲגִיגָה ט). **מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן בֵּין הַמִּשְׁתַּדֵּל לְאֵינוֹ מִשְׁתַּדֵּל.**

**דער רבי האט א זאג געגעבן א וואָרט[מד]: "מיינע לייט וועט שוין נישט באקומען קיין עבירה; אז מען וועט טוהן - וועט עס זיין אָן הענט און אָן פיס!".**

**א מענטש אז ער טוהט עפעס אַן עוולה און ער רעדט עס אוים פאר ה' יתברך, ער קרעכצט עס אוים, איז עס שוין אָן הענט און אָן פיס, עס איז שוין נישט, עס באקומט אים שוין נישט!**

**עס איז 'אינו דומה' ווען איינער טוהט אַן עבירה און ער האט דערפון א פארגעניגען, ער האט דערפון א חיות, ס'איז אים גוט, צו עס איז אָן הענט און אָן פיס[מה].**

**אז איך האב דערציילט דעם אויבערשטן - איז שוין אָן הענט און אָן פיס!**

**"מיינע לייט"! "מיינע לייט"! דער עיקר דעם רבי'נס לייט איז פון דער 'שיחה' - אז מען זאל פירן א חשבון! ווי אזוי דו ביסט, אבער נאַר זיך נישט!**

**דער רבי האט געזאגט[מו]: "דו זאלסט זיך נישט לאזן נאַרן, די וועלט נארט אפ!". לאז זיך נישט נאַרן!**

**אז דו פירסט נישט קיין חשבון, איז דאך שוין גענאַרט; א מענטש וועט האבן א געשעפט - און ער וועט נישט פירן קיין חשבון?! ממש ער מיינט ער פארדינט - און ער דערלייגט גאר! ער מיינט ער פארדינט - און עס איז גאר הפסידות! פיר א חשבון, לאז זיך נישט נארן.**

**דער רבי זאגט: "את זה תקבלו מאתי, איר זאלט זיך נישט לאזן נאַרן; די וועלט נאַרט אפ!". 'די וועלט נאַרט אפ, לאז זיך נישט נאַרן'.**

---

[מד] מובא ב'שיש"ק' (חדש) ח"א, אות קס"ד, עיין שם.

[מה] עיין 'שיחות הר"ן' אות ק"ב: מִי שֶׁהוּא אִישׁ אֱמוּנָה הַתְּשׁוּבָה שֶׁלּוֹ הִיא יוֹתֵר קַלָּה, כִּי הַתְּשׁוּבָה צְרִיכָה לִהְיוֹת תְּשׁוּבַת הַמִּשְׁקָל דְּהַיְנוּ שֶׁכְּפִי הַתַּעֲנוּג שֶׁהָיָה לוֹ מֵהָעֲבֵרָה כֵּן יִהְיֶה לוֹ מַמָּשׁ צַעַר וְיִסּוּרִין. **וּמֵאַחַר שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה עַל־כֵּן לֹא הָיָה תַּעֲנוּגוֹ בִּשְׁלֵמוּת בִּשְׁעַת הָעֲבֵרָה חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלָן**, כִּי הָיָה מְעֹרָב בְּיָגוֹן כִּי יָדַע כִּי מָרָה תִּהְיֶה בָּאַחֲרוֹנָה כִּי יִהְיֶה לוֹ עֹנֶשׁ קָשֶׁה וָמַר רַחֲמָנָא לִצְלָן. רַק שֶׁלֹּא הָיָה יָכוֹל לְהִתְגַּבֵּר עַל תַּאֲוָתוֹ. **עַל־כֵּן תְּשׁוּבָתוֹ קַלָּה יוֹתֵר, כִּי אֵין צָרִיךְ לִסְבֹּל יִסּוּרֵי הַתְּשׁוּבָה כָּל־כָּךְ** מֵאַחַר שֶׁגַּם בִּשְׁעַת הָעֲבֵרָה לֹא הָיָה תַּעֲנוּגוֹ בִּשְׁלֵמוּת כַּנַּ"ל.

[מו] שיחות הר"ן אות נ"א.

דער רבי ברענגט דארט אין תורה ס"ו[מז], עס שטייט כמה מאל אין "זוהר הקדוש" אז יענע וועלט הייסט 'עלמא דקשוט' - דער אמת'ער וועלט; דא הייסט 'עלמא דכדיבא' - די פאלשע וועלט. איז דאך די קשיא, מיר געפינען זיך דאך דא, וואס וויל מען פון אונז? מיר געפינען זיך דאך אין דער פאלשער וועלט - וואס קענען מיר טוהן? האבן א התקשרות צום 'עלמא דקשוט'! דו געפינסט זיך טאקע דא, אבער אז דו ביסט זיך מקשר צום 'עלמא דקשוט', ביסטו ממשיך דעם 'אמת' פון דארטן.

דער רבי האט געזאגט: "די וועלט נאַרט אפ". אויב דו האסט נאר אינזין 'דער' וועלט אליין, נאַרט זי אפ. נאר וואס דען? האָב א התקשרות צו 'דארטן', איז דאך נישט נאר 'די' וועלט אליין; אבער טאמער 'די' וועלט אליין, מען איז אפגעריסן פון 'דארטן', נאַרט עס אפ.

## פארגעסן אז ער האט נאכנישט אויף יום טוב...

דער רבי זאגט טאקע אין תורה נ"ד, פון 'זכרון', אויך א תורה פון 'חנוכה'[מח]: "מען דארף זייער היטן דעם זכרון; מען זאל נישט מיינען אז עס איז נאר דא איין וועלט; דעמאלט ווערט נשלם די צוויי שמות ה'-אלקי". איז דער פשט, די וועלט אליין נאַרט אפ, אבער אז דו ווערסט האבן א התקשרות צו 'עלמא דאתי' איז עפעס אנדערש.

אט דאס איז די בחירה פון דעם מענטש; דו דרייסט זיך טאקע ארום דא אין דער וועלט, אבער זיי זיך מקשר צו יענער וועלט, לאז נישט אפ דעם זכרון פון 'עלמא דאתי' - איז גוט, וועסטו האבן דעם אמת פון 'דארטן'. אזוי ווי דער רבי זאגט דארטן אין תורה ס"ו: "ממשיך זיין דעם אמת פון עלמא דאתי". וואס דער מענטש איז מער מקושר צום 'עלמא דאתי', האט ער אין זיך מער 'אמת'.

---

[מז] אות ג': כְּשֶׁזּוֹכִין לֶאֱמֶת בָּעוֹלָם הַזֶּה כַּנַּ"ל, עַל יְדֵי זֶה נִתְגַּלֶּה בְּחִינַת הַפָּנִים כַּנַּ"ל. וַאֲזַי מַמְשִׁיכִין בְּחִינַת עוֹלָם הַבָּא בְּתוֹךְ הָעוֹלָם הַזֶּה.

[מח] וזל"ש אות א': **כִּי צְרִיכִין לִשְׁמֹר מְאֹד אֶת הַזִּכָּרוֹן**, שֶׁלֹּא יִפֹּל לְשִׁכְחָה, בְּחִינַת מִיתַת הַלֵּב. וְעִקַּר הַזִּכָּרוֹן הוּא לִזְכֹּר תָּמִיד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי, **שֶׁלֹּא יִהְיֶה בְּדַעְתּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁאֵין עוֹלָם אֶלָּא אֶחָד**. וְעַל יְדֵי מַה שֶּׁמְּדַבֵּק מַחֲשַׁבְתּוֹ בְּעָלְמָא דְּאָתֵי, **עַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה יִחוּד ה' אֱלֹקֵי**.

ביי אונז איז געווען 'עניים ואביונים' - דער אויבערשטער זאל היטן חלילה עס זאל נישט זיין אזא עניות וואס עס איז געווען דארטן, דארטן האט מען געזעהן עניות, **אבער זיי האבן א-ז-ו-י ג-ו-ט ג-ע-מ-א-כ-ט!**

ר' געצע איז געווען א ברען, ער האט געליטן אויף די לונגען. עס איז געווען אמאל א 'הושענא רבה', האט ער אויסגעארבעט א 'הושענא רבה', ער האט געשריגן די 'הושענות' קולי קולות - אה א געוואלד! - אזוי געשמאק געדאווענט.

ער האט אפגעדאווענט א 'הושענא רבה'. נאכן דאווענען קומט ער צו מיר: **"לוי יצחק, איך האב נאכנישט אויף יום טוב גארנישט, און איצטער אין שטוב אויך גארנישט!"**.

**וואספארא איד האט נישט אויף 'הושענא רבה'?! אויף יום טוב?! עפעס!**

**'איך האב נאך אין שטוב גארנישט, און אויף איצטער האב איך אויך גארנישט!'** - נאכן דאווענען - ביים דאווענען האט ער דאס גארנישט אינזין געהאט...[מט]

בין איך געלאפן דארטן אין די שולן, געמאכט עפעס, און אריינגעטראגן צו אים.

א איד זאל אזוי דינען דעם אויבערשטן, אזוי שרייען א 'הושענא רבה' און נישט האבן אין שטוב גארנישט.

אז ער האט געזאגט - האט ער געזאגט. און געדינט דעם אויבערשטן אזוי - געפלאקערט און געברענט!

די פאבריקע האט ארויסגעגעבן גוטע סחורות, און מיר זענען אויך אין דער פאבריק. נאר דער אויבערשטער זאל העלפן - - די פאבריקע האט גוטע סחורות, א פאבריק

---

[מט] עיין 'טעם זקנים' קונטרס ק"ט: דעמאלט איז אזוי געווען: ביים דאווענען האט מען געקענט אריינלויפן אין די שולן מאכן געלט - אידן האבן געגעבן צדקה. אבער עס איז שוין געווען נאכן דאווענען - און מיר האבן אפגעדאווענט נאך שפעטער פון אלע, האבן שוין אלע שולן געהאט אפגעדאווענט. **פארוואס האט ער מיר אזוי שפעט געזאגט? - ביים דאווענען האט ער דען אינזין געהאט דאס עסן?!** אזא מין ארעמאן - ער האט נישט אויף יום-טוב, און ער האט נישט אפילו אויף הושענא רבה אין שטוב וואס צו עסן - און ער האט גארנישט דערמאנט קיינעם... נאר נאכן דאווענען איז ער צוגעקומען צו מיר.

האט אין זיך מאשינען מיט רעדלעך מיט שרייפלעך מיט אלעס, עס איז א פאבריק, פול. אז מען גייט טאקע אריין אין דער פאבריק, גייט ארויס גוטע סחורה; נו - אריינגיין אין דער פאבריק אריין, איז מיט די עצות; יעדע עצה איז א ראד, א דריי, א מאשינדעלע, עס קאכט זיך אויס, עס ווערט גוט.

צו דען עפעס אזוי סתם זענען זיי געווארן ערליכע אידן?! אפילו אין מיינע צייטן - עפעס אזוי סתם זענען געווארן ערליכע אידן?!

"דער אויבערשטער האט ליב א געפרעגלטן אידן!"[נ]. מען פרעגלט.

א רוסישער ווינטער, די פרעסטן דארטן זענען געוואלדיג גרויס, און די שטוב איז פול מיט שניי פון דער פראסט, און מען האט נישט וואס צו הייצן, און מען האט נישט אנצוווארעמען אביסל וואסער, און אויף די קינדערלעך אין שטוב פאלט א פחד צו קוקן אויף זיי - און מען דינט דעם אויבערשטן מיט חצות מיט אלע זאכן.

אזעלכע זעלנער האט דער רבי געהאט דארטן; און ער האט איצטער אויך אזעלכע זעלנער.

## ווועמען נאַרסטו?!

דער עיקר, מען זאל זעהן נאר פירן א חשבון - 'וואו האלט איך?! איך מיין דאך איך בין עפעס - וואו האלט איך?!'. דו נאַרסט נאר זיך אליין.

רבי שמואל קאַמינקער האט געזאגט: "ער פארשטייט נישט וואס הייסט נאַרן; נאַר איך אפ 'זיך' - בין איך דאך א משוגע'נער - דער מענטש נאַרט זיך אליין...; נאַר איך אפ יענעם - בין איך דאך א 'גנב'; דעם אויבערשטן - אים קען מען דאך נישט נאַרן!".

(השואל: ווער האט דאס געזאגט?) רבי שמואל קאַמינקער! ער איז געווען א דבר הידוע, פון די גרויסע מענטשן - עס איז זיינער א וואָרט.

---

[נ] עיין 'חיי מוהר"ן' אות תקנ"ה: אָמַר לִי, וְכִי אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ מַה שֶּׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חָפֵץ? הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוֹהֵב אָדָם מְרֻקָּח. (גָאט הָאט לִיעֶב אַ גִיפְּרֶעגִילְטְן מֶענְטְשְׁן).

"ער פארשטייט נישט וואס הייסט 'נאַרן'" - דאס איז דאך א געוואלדיגער דיבור! - אזוי האב איך געהערט אין אומאן רעדן דעם דיבור.

(אחד הנוכחים: אין דער צייט פון רבי'ן איז ער געווען?) ער איז געווען אין דער צייט פון רבי'ן, און אין דער צייט פון רבי נתן'ען אויך.

דער רבי האט געזאגט מיט דעם לשון: "**דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר, איר זאלט זיך נישט לאזן נארן, די וועלט נארט אפ!**".

דאס איז א כלליות'דיגער וואָרט - 'לאזט זיך נישט נאַרן - די וועלט נאַרט אפ' - 'את זה תקבלו מאיתי'!

רבי שמשון (בארסקי) איז געווען דעם רבי'נס אַן איניקל, דאס 'ישוב הדעת' זיינער איז געווען אזוי געוואלדיג. ער האט געהאט אין שטוב א באזונדערן חדר וואו ער האט געדינט דעם אויבערשטן, וואס אין דעם חדר איז קיינער נישט אריין, קיין שום קינד נישט, פארשלאסן. ווען ער איז אוועקגעגאנגען האט ער פארשלאסן מיט א שליסל. ער איז געווען א גרויסער מתבודד - ר' שמשון, א ישוב הדעת.

אַה, זיין דאווענען - 'זיס האניג'! ער האט אנגעהויבן דאווענען פון 'מה טובו' (במתינות)! אז ער האט געזאגט 'קטורת' - האט געשמעקט... ווי אזוי ער האט געזאגט 'קטורת' אלע טאג! און דעם פרק 'איזהו'! מיט דעם דאווענען! ער האט געדאוונט א דאווענען!

ער האט נישט געדאוונט הויך; ר' געצע האט געדאוונט הויך, אבער ער האט געדאוונט שטיל - האניג! האניג! 'מַיין מתיקין'! ער איז א גרויסער ארעמאן געווען. ווען ער פלעגט ארויפגיין צום רבי'ן אויפן ציון - אָה האַ!

רבי געצע איז געווען אַן אנדער סארט מענטש, ר' געצע איז געווען אַן "אויסגעשריגענער" עובד ה'!

די פאבריק גיט ארויס!

די זאך איז, יעדער איינער אין זיין בחינה דארף מקבל זיין פון יענעם, 'ומקבלין דין מן דין'. מען זאל נישט מיינען אז ווייל איך טוה אזוי, איז נאר אזוי ווי איך טוה[נא]; נאר, איך טוה אזוי, און יענער האט אין זיך אַן אנדער וועג; דארף איך וויסן אז אין יענעמ'ס וועג ליגט עפעס א מין אמת[נב]; איך קען טאקע נישט גיין אין יענעמ'ס וועג, אבער דער 'אמת' פון יענעם פעלט מיר, דעם 'אמת' וואס יענער האט אין זיך - דעם 'אמת' פעלט מיר, וואס אט דעם 'אמת' דארף איך מקבל זיין פון יענעם.

'נאכטוהן' - פון דעם האט דער רבי נישט געהאלטן; אבער מסתמא האט ער דאך עפעס א מין אמת אין זיך.

## עיקר ההשארה על ידי אהבה

דער רבי זאגט אין תורה ל"ד[נג]: "די נקודה וואס דארטן איז אלקות, דארטן איז 'שׁוֹרֶה האהבה הקדושה'". יענער האט אין זיך אזא מין נקודה וואס איך האב נישט אין זיך, האט ער דאך אזא מין 'אהבה דקדושה' וואס דאס דארף איך מקבל זיין פון יענעם; נישט סתם נאכטוהן יענעם; אבער אין יענעם איז דא אזא מין סארט אלקות, אזא מין סארט קדושה, וואס איך האב עס נישט, דארף איך האבן אהבה צו יענעם.

און אפילו איך וויים נישט 'וואס' יענער האט אין זיך, ווערט עס שוין ממילא אז ער איז מקבל פון יענעם, אפילו ער ווייסט נישט 'וואס' יענער האט אין זיך מער פון אים,

---

[נא] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' נזקי שכנים ה"ה אות ב': **הָאֱמֶת שֶׁל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל הוּא מְשֻׁנֶּה הַרְבֵּה מֵהַחִלּוּן וְהָאֱמֶת שֶׁל חֲבֵרוֹ**, כִּי כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל כְּפִי שָׁרְשׁוֹ מִשִּׁבְטוֹ שֶׁמִּשָּׁם נֹסַח וְסֵדֶר תְּפִלָּתוֹ וּכְפִי מַעֲשָׂיו כֵּן הָאֱמֶת שֶׁלּוֹ. וּמִזֶּה נִמְשָׁכִים רִבּוּיֵי הַשִּׁנּוּיִים שֶׁבֵּין אֶחָד לַחֲבֵרוֹ אֲפִלּוּ הַכְּשֵׁרִים וְהַיְשָׁרִים, כִּי זֶה מִתְפַּלֵּל בַּאֲרִכָּה וְזֶה בִּמְהִירוּת זֶה בְּקוֹל רָם וְזֶה בְּקוֹל נָמוּךְ וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה שִׁנּוּיִים בְּעִנְיַן תְּפִלָּתָם וַעֲבוֹדָתָם לְאֵין מִסְפָּר אַף עַל פִּי שֶׁשְּׁנֵיהֶם כַּוָּנָתָם רְצוּיָה בֶּאֱמֶת, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה 'אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם'. כִּי אַף עַל פִּי שֶׁשְּׁנֵיהֶם כַּוָּנָתָם בֶּאֱמֶת, **אַף עַל פִּי כֵן הָאֱמֶת שֶׁל כָּל אֶחָד מְשֻׁנֶּה מֵחֲבֵרוֹ. וְעַל כֵּן אָסוּר לָאָדָם לְהִסְתַּכֵּל בַּחֲבֵרוֹ לְרָעָה, אַף עַל פִּי שֶׁנִּדְמֶה לוֹ לְפִי הָאֱמֶת שֶׁלּוֹ שֶׁחֲבֵרוֹ אֵינוֹ מִתְנַהֵג בֶּאֱמֶת וְאֵינוֹ מִתְפַּלֵּל בֶּאֱמֶת, כִּי מִי יוֹדֵעַ הָאֱמֶת שֶׁל חֲבֵרוֹ?!**

[נב] כמבואר בטוטו"ד ב'ליקוטי הלכות' הל' שומר שכר ה"ב אות י', עיי"ש.

[נג] עיין שם אות ח'.

עס ווערט שוין ממילא אזוי, עס ווערט אין אים אריינגעצויגן מער קדושה און מער אהבה צום אויבערשטן[נד].

אבער אז איינער גייט א גאנג, 'אז איך טוה דער זאך, איז יענער טויג נישט - און איך טויג יא' - דאס איז נישט קיין 'ומקבלין דין מן דין', דאס טויג שוין נישט.

אין פסוק שטייט: "וקרא זה אל זה", מאכט דער תרגום: 'ומקבלין דין מן דין'. וואו שטייט 'ומקבלין דין מן דין'? עס שטייט דאך 'וקרא זה אל זה'? וואספארא תרגום איז דאס? (נאר דער פשט איז,) מען האט דאך פריער גערעדט, יעדער מלאך האט נאר געזעהן דאס התלהבות פון יענעם, ער האט נאר געזעהן ווי יענער ברענט, ווי יענער פלאקערט, ער האט נאר געקוקט פאר זיך, איז דאס האט ער מקבל געווען פון דעם אנדערן - 'אַה - יענער ברענט אזוי צום אויבערשטן!'.

דער רבי האט געזאגט[נה]: "די וועלט קער זיך פארוואונדערן פאר דער אהבה וואס איז דא צווישן מיינע לייט!" - אט דאס האט דער רבי געוואלט. און דעמאלט וועט זיך טאקע אנדערש קאכן אויך; אז ער וועט מקבל זיין פון יענעם וואס ער קען מקבל זיין פון יענעם, וועט אנדערש גיין דער פאבריק, עס וועט גאר אנדערש ארבעטן.

רבי עקיבא האט דאך געהאט אזויפיל תלמידים און זיי זענען אלע נפטר געווארן ווייל זיי זענען נישט געווען 'נוחים זה לזה', עס איז נישט געווען קיין אהבה צווישן זיי. האט ער (- רשב"י) אנגעזאגט די זיבן תלמידים - "איר זאלט האבן אהבה איינער מיטן אנדערן!"[נו].

אינגאנצן דעם רבי'נס זאך אז עס זאל האבן א 'קיום עדי עד' - עס האט דאך א קיום - אבער וואס עס וועט זיין מער אהבה צווישן אונזערע מענטשן, איינער וועט פון

---

[נד] כמבואר שם בסוף התורה, וז"ל: וְלִפְעָמִים מְקַבֵּל הַנְּקֻדָּה מֵחֲבֵרוֹ עַל יְדֵי דְּבָרִים אֲחֵרִים שֶׁמְּסַפֵּר עִמּוֹ, כִּי יֵשׁ לִפְעָמִים שֶׁיְּכוֹלִין לְקַבֵּל אוֹר וְהִתְעוֹרְרוּת לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. מֵהַנְּקֻדָּה שֶׁל חֲבֵרוֹ, עַל יְדֵי שִׂיחַת חֻלִּין שֶׁמְּדַבְּרִין עִמּוֹ. וְאָז מְקַבְּלִין אוֹר הַנְּקֻדָּה עַל יְדֵי הִתְלַבְּשׁוּת.

[נה] 'חיי מוהר"ן' אות רצ"ב.

[נו] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' ס"א אות ח': רַבִּי עֲקִיבָא וַחֲבֵרָיו שֶׁמֵּתוּ עַל יְדֵי שֶׁלֹּא הָיָה בָּהֶם אַהֲבָה כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְבָמוֹת ס"ב:). כִּי הֵם הָיוּ בִּחִינַת גְּבוּרוֹת וְצִמְצוּמִים, וְלֹא נִכְלְלוּ יַחַד. וְלֹא נִמְתְּקוּ. וְרַבִּי שִׁמְעוֹן וַחֲבֵרָיו שֶׁהָיוּ הַתִּקּוּן שֶׁלָּהֶם, עַל כֵּן אָמַר **אֲנַן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא**.

אנדערן מער מקבל זיין, איינער וועט וויסן פון יענעמ'ס טוב וואס איך האב עס נישט, שיינט דעם רבי'נס זאך מערער, און דאס איז דער רצון פונעם רבי'ן, דאס וויל ער[נז].

❖ ❖ ❖

## 'דע מה למעלה ממך'

[לומד חיי מוהר"ן אות ס"ו]

**"שַׁיָּךְ לְעִנְיַן הַנִּדְפָּס בְּסוֹף סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הַמַּתְחִיל דַּע שֶׁיֵּשׁ שְׁנֵי מִינֵי פָּלָטִין בְּאֶחָד דָּר מֶלֶךְ וּבְאֶחָד דָּר עֶבֶד וְכוּ'".**

**- צוויי מיני פאלאצן; אין איינס וואוינט א מלך, און אין איינס וואוינט אַן עבד.**

---

[נז] עיין 'חיי מוהר"ן' אות רי"ח מה שאמר רביז"ל באומאן קודם ראש השנה האחרון סמוך להסתלקותו כשסיפרו אנשיו עמו והיו מתאנחים מאד על מי יעזוב אותם ומה יעשו, ענה ואמר אז בזה"ל: **רַק אַתֶּם תַּחֲזִיקוּ עַצְמְכֶם בְּיַחַד, אָז תִּהְיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים. וְלֹא כְּשֵׁרִים בִּלְבַד אֶלָּא אֲפִלּוּ צַדִּיקִים וְטוֹבִים תִּהְיוּ**, וכו' עיי"ש; גם עיין שם אות קפ"ז; גם עיין 'ליקוטי הלכות' הל' נזיקין ה"ד אות י"א: **בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יֵשׁ בְּחִינַת נְקֻדָּה טוֹבָה מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ**, כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר. וְזֹאת הַנְּקֻדָּה טוֹבָה שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אֶחָד הִיא בְּחִינַת צִנּוֹר וּכְלִי שֶׁהַצַּדִּיק מַמְשִׁיךְ עַל יָדוֹ הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת. **וְעַל כֵּן לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לְקַבֵּל אֶת הַתּוֹרָה כִּי אִם כְּשֶׁהָיוּ שִׁשִּׁים רִבּוֹא יַחַד.** וְזֶה בְּחִינַת וּמִתַּלְמִידַי יוֹתֵר מִכֻּלָּם. וְזֶה בְּחִינַת וְהֶעֱמִידוּ תַּלְמִידִים הַרְבֵּה. וְהָעִקָּר שֶׁיִּהְיֶה בֵּינֵיהֶם אַהֲבָה וְאַחְדוּת בִּבְחִינַת אַהֲבַת הַחֲבֵרִים שֶׁעִקַּר קַבָּלַת הַתּוֹרָה הָיָה עַל זֶה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל וְכוּ'. וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י, כֻּלָּם כְּאִישׁ אֶחָד וְכוּ'. וְעִקַּר הָאַהֲבָה עַל יְדֵי הַשְּׂעָרוֹת הַנַּ"ל עַל יְדֵי שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עַל הָרַע שֶׁבַּחֲבֵרוֹ רַק מִשְׁתַּדְּלִין בְּכָל כֹּחוֹ לִמְצֹא בּוֹ טוֹב. **אֲפִלּוּ אִם נִדְמֶה לוֹ שֶׁרָעָתוֹ רַבָּה** אַף עַל פִּי כֵן יְחַפֵּשׂ וְיִמְצָא בּוֹ שְׂעָרוֹת טוֹבוֹת עַל כָּל פָּנִים כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן תַּלְמִידֵי רַבִּי עֲקִיבָא שֶׁפָּגְמוּ בָּזֶה עַל כֵּן מֵתוּ בִּימֵי הָעֹמֶר דַּיְקָא כַּנַּ"ל. וְרַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָיָה הַתִּקּוּן שֶׁלָּהֶם עַל כֵּן אָמַר, **אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא**, הַיְנוּ כַּנַּ"ל ... כִּי עִקַּר יְגִיעַת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת הוּא לְהַמְשִׁיךְ הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת בְּתַלְמִידָיו בִּדְרָכִים נִפְלָאִים **עַד שֶׁיּוּכְלוּ לְהָאִיר בְּתַלְמִידֵיהֶם וּבְתַלְמִידֵי תַּלְמִידֵיהֶם לְדוֹרוֹת** עַד שֶׁכֻּלָּם יֵדְעוּ אֶת ה'. וְהַצַּדִּיק בַּחַיִּים חִיּוּתוֹ יוֹדֵעַ בְּהַשָּׂגָתוֹ הָעֲצוּמָה אֵיךְ לְדַבֵּר עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד וְכוּ' כַּנַּ"ל, **אֲבָל לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ עִקַּר חִיּוּתֵינוּ עַל יְדֵי קִבּוּץ תַּלְמִידָיו יַחַד** לִדְבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה וְכָל אֶחָד מִתְעוֹרֵר לַה' יִתְבָּרַךְ **כְּפִי הַנְּקֻדָּה טוֹבָה שֶׁהֵאִיר בּוֹ הַצַּדִּיק** וְכָל אֶחָד מְסַפֵּר מַה שֶּׁשָּׁמַע וְרָאָה מִמֶּנּוּ **וְעַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִין לְהַחֲיוֹת אֶת כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ**; גם עיין 'פרפראות לחכמה' על תורה ס"א אות י"ד: **והחוש מעיד** שענין זה של הקיבוץ שמתקבצין כלל אנ"ש על ר"ה לאומין, **זהו עיקר הכלליות וקשר האחדות של כל אנ"ש בקשר אחד**, ורק בזה אנו מקיימין רצונו ז"ל להיות מחזיקים את עצמם כלל אנ"ש בקשר אחד באהבה ואחדות כנ"ל, **ורק על ידי זה עיקר קיום הארת השארתו הקדושה לנצח**, כאשר הבטיח ז"ל שענינו לא יופסק והאש שלו תוקד עד ימות המשיח כנ"ל.

"כְּשֶׁעוֹבְדִין הַשֵּׁם וַעֲדַיִן הוּא בִּבְחִינַת עֶבֶד, עֲדַיִן הוּא בִּבְחִינַת אָרוּר חַס וְשָׁלוֹם, וְיֵשׁ בְּחִינַת עֶבֶד בִּקְדֻשָּׁה, בְּחִינַת מֹשֶׁה עֶבֶד ה'. וְדַע שֶׁיֵּשׁ מִצְוָה שֶׁעַל יָדָהּ יוֹצְאִים מִבְּחִינַת עֶבֶד וְהִיא מִצְוַת פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים".

דער רבי זאגט, עס איז דא צוויי מיני פאלאצן - 'פלטין'; דא וואוינט א 'מלך' און דא וואוינט אַן 'עבד'.

עס איז דאביידע; א מענטש איז אין יעדער רגע אין א סכנה, ער קען אריינגיין אין פאלאץ פון 'מלך', און ער קען חלילה אריינגיין אין פאלאץ פון דעם 'עבד'. און עס איז דא אַן 'עבד בקדושה', בחינת "משה עבד ה'".

די משנה זאגט אין אבות[נח]: "דע מה למעלה ממך"; און נאכדעם רעכנט ער אויס די דריי זאכן: "עין רואה, ואוזן שומעת, וכל מעשיך בספר נכתבים!". "דע מה למעלה ממך" - 'דו זאלסט וויסן - וויים אז עס איז דא העכער פון דיר - וואס ביסטו?!'.

דאס אליין איז א זאך, אז דו זאלסט וויסן "מה למעלה ממך" - וואס עס איז העכער פון דיר, דו ביסט נישט אינגאנצן, עס איז דא עפעס העכער פון דיר - אט די ידיעה אליין איז שוין א זאך. נאכדעם רעכנט ער אויס 'וואס' עס איז העכער פון דיר, רעכנט ער אויס די דריי זאכן. אבער נאך איידער ער זאגט אים 'וואס', אט די ידיעה אליין איז שוין א זאך, אז דער מענטש זאל וויסן, וואס הייסט, "שאו מרום עיניכם", הויב אויף די אויגן אויבן, עס איז דא עפעס העכער פון דיר, "דע מה למעלה ממך".

אין "תיקונים" שטייט[נט] אז "שְׁמַ"ע" מאכט, "שְׂ'אוּ מָ'רוֹם עֵ'ינֵיכֶם"[ס]. שמ"ע איז 'קבלת עול מלכות שמים'. "שאו מרום עיניכם" - דאס איז 'קבלת עול מלכות שמים', הויב אויף די אויגן צום הימל!

דער רבי זאגט אין דער תורה פון חצות[סא]: "ובבוקר טוב להסתכל על השמים" - 'עס איז גוט צו קוקן אויפן הימל' - קוק אויפן הימל, "דע מה למעלה ממך"!

---

[נח] פ"ב מ"א.

[נט] דף פ"ה ע"ב.

[ס] ישעי' מ, כו.

[סא] ליקוטי מוהר"ן' סי' קמ"ט.

**איין קוק אויפן הימל קען ארייננברענגען אין א מענטשן א הרהור תשובה!**

ער איז דאך אינגאנצן צודרייט אויף זיינע נארישקייטן; 'גיב איין קוק', 'גיב א קוק אויבן', "דע מה למעלה ממך" - 'ווער איז העכער פון דיר!'.

נו, דאס איז אלץ 'ישוב הדעת'! 'ישוב הדעת!'.

דער רבי האט דאך געהאלטן מער פון 'תמימות'; דער רבי האט געזאגט[סב]: "איי פראָקטיק!". אפילו ביי דער עצה אליין דארף מען אויך ניצן 'תמימות', אָן שום חכמות. אז מען וויל פארדרייען, קען מען שוין די עצה אויך פארדרייען; בתמימות - זיי זיך מיישב, אָן שום חכמות!

מען קען שוין מאכן א דריי, שוין מאכן אנדערש. יעדער דיבור וואס איז ארויסגעקומען מפיו הקדוש - נעם אָן דער עצה 'בתמימות ובפשיטות'! איי דו ביסט ווייט דערפון? איז בעט דעם אויבערשטן, אבער פארדריי נישט דער זאך, גיב נישט קיין דריי...

עס שטייט: "המגלה פנים בתורה שלא כהלכה אין לו חלק לעולם הבא" - עס איז אויך א משנה אין "אבות"[סג]. עס שטייט נישט דארט אז ער 'טוהט' עפעס א זאך, נאר "המגלה פנים בתורה שלא כהלכה" - ער 'זאגט' עפעס א פנים אין תורה 'שלא כהלכה'.

מען קען עס נישט זאגן אזוי שארף, אבער עס איז פארהאן אמאל אַן ענין, אז איך וויל עפעס א דריי געבן אין דעם צדיק'ס דיבורים, איז דאך ממש 'שלא כהלכה', איז ער דאך א 'מגלה פנים שלא כהלכה'. 'אט דאס איז די הלכה!'; איי ס'איז מיר שווער? - בעט דעם אויבערשטן; אבער די הלכה דארף איך דאך וויסן; עס איז מותר צו אסור, כשר צו פסול.

---

[סב] 'שיחות הר"ן' אות קנ"ד.

[סג] פ"ג מי"א.

מיר לערנען "שולחן ערוך", דארף איך טאקע בעטן אז איך זאל מקיים זיין; אבער פריער איז, "ולא עם הארץ חסיד"[סד], אז ער וועט נישט לערנען, ער וועט נישט וויסן די הלכה, וואס וועט ער מקיים זיין?! דער רבי רעדט טאקע אין תורה ל"א[סה] פון 'צדיק ולמדן', אז "ולא עם הארץ חסיד", מוז ער דאך וויסן דער הלכה אויך.

מיט דעם ענין פון 'ישוב הדעת' פארן אויבערשטן, טוהט ער אויף אסאך זאכן; איינמאל (- צום אלעם ערשט) טוהט ער 'ישוב הדעת' - 'איך וויים וואס מיט מיר טוהט זיך'. נאכדעם דארף ער בעטן ער זאל טאקע מקיים זיין. אבער דאס ערשטע איז - 'ער דארף וויסן'.

דאס הייסט דאך אויך 'משפט'; אזוי ווי 'שולחן ערוך' איז 'משפט', איז דאך 'התבודדות' אויך 'משפט' - ממש אזוי ווי 'שולחן ערוך'. וואס איז 'שולחן ערוך'? 'מותר אסור, כשר פסול'; אט דער 'לימוד' (- פון 'ישוב הדעת') איז דאך אויך א 'שולחן ערוך' - דאס מעג מען 'יא' און דאס טאר מען 'נישט'.

נאכדעם דארף ער בעטן ער זאל מקיים זיין וואס ער לערנט. אבער דאס ערשטע איז דאך, "ולא עם הארץ חסיד", דארף איך וויסן - אט דאס מעג איך יא - און דאס טאר איך נישט.

❖ ❖ ❖

## כוחו גדול מאד

[לומד חיי מוהר"ן אות ס"ז]

"שַׁיָּךְ לְהַשִּׂיחָה הַנִּדְפֶּסֶת בְּסוֹף סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הַמַּתְחִיל 'הִפְלִיג מְאֹד בִּגְדֻלַּת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ'[סו]. וְשָׁם חָסֵר קְצָת וְלֹא נִכְתַּב כָּרָאוּי וְכֵן צָרִיךְ לִהְיוֹת:

---

[סד] אבות פ"ב מ"ה.

[סה] אות ה'.

[סו] 'שיחות הר"ן' אות ג'.

"בִּהְיוֹתוֹ יוֹשֵׁב עַל הָעֲגָלָה בְּעֵת שֶׁנָּסַעְתִּי עִמּוֹ מִפֹּה בְּרֶסְלַב לְאוּמֶין לְהִסְתַּלֵּק שָׁם, עָנָה וְאָמַר: הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ גָּדוֹל מְאֹד וְאֵין יוֹדְעִים כְּלָל וְכוּ'.

"וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: גָאט אִיז גְרוֹיס! (וּמָשַׁךְ תֵּבַת 'גְרוֹיס' בִּנְעִימוּת נִפְלָא לְמַעְלָה וְאִי אֶפְשָׁר לְצַיֵּר זֹאת בִּכְתָב כְּלָל). מֶען וֵוייסְט גָאר נִיט, סֶע טוּאֶין זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזֶעלְכֶע זַאכִין - מֶען וֵוייסְט גָאר נִיט.

"וְשָׁאַלְתִּי אוֹתוֹ, הֲלֹא כְּבָר אֲמַרְתֶּם שֶׁעַתָּה נוֹדַע לָכֶם עִנְיַן 'תַּכְלִית הַיְדִיעָה אֲשֶׁר לֹא נֵדַע' וְכוּ'. הֵשִׁיב: זִינְט אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן בְּרֶסְלַב בִּיז אַהֶער, וֵויים אִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ נִיט.

"כָּל זֶה אָמַר בִּשְׁעַת הַשִּׂיחָה הַנַּ"ל וְאָז לֹא הָיָה כִּי אִם שָׁעָה קַלָּה מֵעֵת שֶׁיָּצָא מִבְּרֶסְלַב וְאִם אַתָּה בָּקִי קְצָת בְּעַמְקוּת שִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשׁוֹת תָּבִין מִזֶּה מְעַט עֹצֶם גְּדֻלָּתוֹ כִּי כְּבָר אָמַר שֶׁהָאֵינוֹ יוֹדֵעַ שֶׁלּוֹ גָּדוֹל בְּיוֹתֵר וְכוּ' וְעַתָּה הִתְפָּאֵר שֶׁבְּשָׁעָה קַלָּה כָּזוֹ שׁוּב אֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל".

דאס ענין פון 'נישט וויסן', דאס איז דאך אליץ א העכערע מדריגה; אין סיי וואספארא העכערע מדריגה, איז דארטן דא א 'לא נדע'[סז]; איז 'פון ברסלב ביז אומאן וויים איך שוין אויך ניט'.

מיר דארפן וויסן, דער כח פונעם רבי'ן איז אזוי גרויס - מיר האבן זיך אין וואס אנצושפאַרן!

---

[סז] עיין 'חיי מוהר"ן' אות רפ"ג: אַחַר זְמַר רַב, בְּקַיִץ תק"ע, בָּעֵת שֶׁנָּסַע לְאוּמֶין, חָזַר וְסִפֵּר קְצָת מֵעִנְיָן הַנַּ"ל וְאָמַר, שֶׁאֵין יוֹדְעִים כְּלוּם, הַיְנוּ שֶׁאֵין יוֹדְעִים כְּלָל כְּלָל לֹא. וְהִפְלִיג מְאֹד בִּגְדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ, אֲשֶׁר אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר, וְאָמַר שֶׁאֵין יוֹדְעִים כַּנַּ"ל. **וְשָׁאַלְתִּי אוֹתוֹ, הֲלֹא כְּבָר אֲמַרְתֶּם כָּל זֹאת, וְסִפַּרְתֶּם מִזֶּה, מֵעִנְיַן תַּכְלִית הַיְדִיעָה אֲשֶׁר לֹא נֵדַע, וּכְבָר בֵּאַרְתֶּם כָּל זֶה, שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁזּוֹכִין לְזֶה הַיְדִיעָה אֲשֶׁר לֹא נֵדַע אַף עַל פִּי כֵן עֲדַיִן אֵין יוֹדְעִים כְּלוּם כִּי כְּבָר נִדְמֶה לָכֶם שֶׁזְּכִיתֶם לְזֶה הַתַּכְלִית וְכוּ' וְכַנַּ"ל. עָנָה וְאָמַר מִי יוֹדֵעַ בְּאֵיזֶה יְדִיעָה הָיָה זֶה הַתַּכְלִית, הַיְנוּ כִּי גַּם אָז בְּעֵת שֶׁסִּפֵּר זֹאת אַחַר פֶּסַח לֹא זָכָה לִבְחִינַת לֹא נֵדַע** מַמָּשׁ כִּי אִם בְּאֵיזֶה יְדִיעָה, **הַיְנוּ שֶׁבְּאוֹתָהּ הַיְדִיעָה זָכָה לְהַתַּכְלִית אֲשֶׁר לֹא נֵדַע.** וְכַוָּנָתוֹ כִּי יֵשׁ יְדִיעָה לְמַעְלָה מִידִיעָה, הַשָּׂגָה לְמַעְלָה מֵהַשָּׂגָה, גָּבוֹהַּ מֵעַל גָּבוֹהַּ. **וְאֵצֶל כָּל יְדִיעָה וְהַשָּׂגָה עַד לְמַעְלָה לְמַעְלָה הַתַּכְלִית הִיא אֲשֶׁר לֹא נֵדַע. וְאָמַר אָז גַּם מֵעֵת שֶׁיָּצָא מִבְּרֶסְלַב עַד עַכְשָׁו** (שֶׁהָיָה בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם וְלֹא שָׁהָה רַק בְּעֵרֶךְ אֵיזֶה שָׁעוֹת כִּי אָז לֹא נָסַע עֲדַיִן רַק בְּעֵרֶךְ שָׁלֹשׁ פַּרְסָאוֹת) **שׁוּב אֵינוֹ יוֹדֵעַ.** הַיְנוּ שֶׁגַּם בְּאֵלּוּ הַשָּׁעוֹת זָכָה לִבְחִינַת אֵינוֹ יוֹדֵעַ. וְהָבֵן דְּבָרִים אֵלּוּ כִּי הֵם דְּבָרִים עֲמֻקִּים וְעֶלְיוֹנִים וּגְבוֹהִים מְאֹד, אַשְׁרֵי יְלוּד אִשָּׁה שֶׁזָּכָה לְהַשָּׂגוֹת כָּאֵלּוּ לְתַכְלִית הָאֱמֶת.

ווען מען גייט אין א מלחמה אריין, אז ער ווייסט דארטן אז דער פירער איז א גוטער פירער, גייט ער שטארק!

מען דארף וויסן, דער כח פונעם רבי'ן איז זייער גרויס! מיר מעגן זיך אונטערנעמען, 'ווען' און 'בעטן' אלע גוטע זאכן, אויף אלע גוטע מידות, אלע גוטע זאכענישן, מיר האבן א גרויסער בעל כח! 'גיב אים נאר ציגל מיט וואפנע און ער וועט שוין בויען בנינים'[סח].

אט דאס איז זייער א גרויסע התחזקות! 'כוחו גדול מאוד'!

אבער נישט אז דו זאלסט ליגן מיט פארלייגטע הענט און דער רבי זאל דיר טוהן[סט]; גיב וואפנע מיט ציגל - גיב, גיב 'תורה ותפילה',ווארף זיך אויף אלע זייטן בההתקשרות צו דעם צדיק וואס איז 'כוחו גדול מאוד' - זיין כח איז זייער גרויס.

מיט יעדעס 'דיבור', יעדע שיחה קען מען אריינעמען און מען קען זיין מיט איר א גרויסער ערליכער איד - מיט יעדער שיחה פונעם רבי'ן, מיט יעדעס 'דיבור'[ע].

**"גא-ט איז גרויס - מען ווייסט גארנישט"!**

---

[סח] עיין 'חיי מוהר"ן' אות רצ"ג: שָׁמַעְתִּי שֶׁפַּעַם אַחַת אָמַר לַאֲנָשָׁיו מַה לָּכֶם לַחֲשֹׁב מַחֲשָׁבוֹת, אֵין אַתֶּם צְרִיכִים כִּי אִם לָתֵת אֲבָנִים וָסִיד וַאֲנִי בּוֹנֶה מֵהֶם בִּנְיָנִים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים (כְּלוֹמַר שֶׁאָנוּ צְרִיכִין רַק לַעֲסֹק בַּעֲבוֹדַת ה' בִּפְשִׁיטוּת בְּתוֹרָה וּבִתְפִלָּה וּמִצְווֹת וְהוּא עוֹשֶׂה בָּזֶה מַה שֶּׁעוֹשֶׂה) **אִיר דַארְפְט נָאר צוּ טְרָאגְן שְׁטֵיינֶער אוּן וָואפְנֶע אוּן אִיךְ בָּאוֶוע דֶער פוּן בִּנְיָנִים** (וּמָשַׁךְ הַרְבֵּה תֵּבַת בִּנְיָנִים כְּמַפְלִיג בְּשֶׁבַח נִפְלְאוֹת תִּפְאֶרֶת הַבִּנְיָנִים הַנּוֹרָאִים שֶׁבּוֹנֶה מִזֶּה).

[סט] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' אבידה ומציאה ה"ג אות ט"ו: אִם רוֹצֶה לְסַלֵּק עַצְמוֹ לְגַמְרֵי וְאֵינוֹ רוֹצֶה לְהִשְׁתַּדֵּל בְּתִקּוּן נַפְשׁוֹ כְּלָל, רַק רוֹצֶה שֶׁהַצַּדִּיק בְּעַצְמוֹ יַעֲשֶׂה הַכֹּל עֲבוּרוֹ וְהוּא לֹא יַעֲשֶׂה כְּלָל וְלֹא יִשְׁתַּדֵּל בָּזֶה כְּלָל, אֲזַי בְּוַדַּאי אֵין הַצַּדִּיק צָרִיךְ לַעֲסֹק עִמּוֹ, **כִּי אִי אֶפְשָׁר לַעֲזֹר לוֹ כְּשֶׁאֵינוֹ רוֹצֶה לַעֲסֹק בְּעַצְמוֹ בְּתִקּוּנוֹ כְּלָל** כַּנַּ"ל, וּכְמוֹ שֶׁאָמַר אֲדְמוּ"ר זַ"ל לְאֶחָד, **אַתָּה בִּלְעָדַי אֵינְךָ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת כְּלָל,** (דְּהַיְנוּ לְתַקֵּן נַפְשׁוֹ בְּעַצְמוֹ) **אֲבָל גַּם אֲנִי בִּלְעָדֶיךָ אֵינִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת דָּבָר.** הַיְנוּ שֶׁאִם אַתָּה לֹא תַּעֲשֶׂה כְּלָל בְּוַדַּאי אִי אֶפְשָׁר לִי לַעֲשׂוֹת עֲבוּרְךָ הַכֹּל, כִּי הָאָדָם הוּא בַּעַל בְּחִירָה **וְאִי אֶפְשָׁר לְהַעֲלוֹתוֹ כִּי אִם כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵיזֶה הִתְעוֹרְרוּת מֵעַצְמוֹ.**

[ע] עיין 'חיי מוהר"ן' אות שנ"ח: וְאָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּפֵרוּשׁ שֶׁבְּכָל שִׂיחָה וְשִׂיחָה שֶׁהָיָה מֵשִׂיחַ וּמְדַבֵּר עִמָּנוּ יְכוֹלִים לִהְיוֹת עַל יָדָהּ אִישׁ כָּשֵׁר, וַאֲפִלּוּ צַדִּיק גָּמוּר כָּל יְמֵי חַיָּיו כְּמוֹ שֶׁאֲנִי רוֹצֶה (אַזוֹי וִויא אִיךְ מֵיין אֵיין גוּטֶער יְהוּד) אִם יִרְצֶה לֵילֵךְ עִמָּהּ לְקַיֵּם כְּפִי שִׂיחָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה, וכו' עיי"ש.

עס שטייט דאך אין זוהר הקדוש[עא]: "גָּדוֹל ה' וּמְהֻלָּל מְאֹד וְלִגְדֻלָּתוֹ אֵין חֵקֶר" - 'כשם שאין חקר לגדולתו, כך אין חקר לרחמנותו' - אזוי ווי עס איז נישטא קיין סוף צום אויבערשטנ'ס גדולות, אזוי איז נישטא קיין סוף צום אויבערשטנ'ס רחמנות; 'רחמנותו' איז אויך 'אין חקר'[עב].

אט דאס איז שוין א גרויסע התחזקות - 'גאט איז גרויס, און זיין רחמנות איז אזוי גרויס - אז עס איז גארנישט שייך צו זאגן קיין יאוש איך זאל זיך מייאש זיין!' דער אויבערשטער איז אזוי גרויס, מען קען זיך נעמען צו יעדער זאך, זיין רחמנות איז אזוי גרויס.

## אַן אמת'ער 'רחמנות'...

דער רבי זאגט אין דער תורה "כי מרחמם ינהגם"[עג], ווער עס איז א 'רחמן' - דער קען זיין א 'מנהיג'. זיין רחמנות איז אזוי גרויס - אז ער גיט יענעם התחזקות, ער גיט אריין יענעם א שמחה און א התחזקות - 'האלט זיך, פאל נישט אראפ ביי זיך! דער אויבערשטער וויל דיר!'.

א מענטש וואס ער האט א 'ישוב הדעת', זעהט ער דאך דארטן ווי ער איז ווייט פונעם אויבערשטן - 'האלט זיך! פאל נישט אראפ ביי זיך!' - אט דאס איז דער עיקר רחמנות. דער רבי זאגט טאקע דארטן אזוי, ארויסציהען יענעם פון עוונות, אט דאס איז דער 'עיקר הרחמנות'.

ר' נחמן רבי יודל'ס איז געווען אזא מין עובד ה', אז ער האט נישט געהאט קיין צייט צו קומען צו רבי נתן'ען. איז רבי נתן געגאנגען צו אים, רעדן מיט אים פון עבודת ה'.

---

[עא] עיין זוה"ק בהעלותך דף קנ"א ע"א ועוד שמידת החסד נקרא גדולה.

[עב] עיין 'ליקוטי תפילות' חלק שני - תפילה מ"ד: אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ גָּדַלְתָּ מְאֹד, וְכִגְדֻלָּתְךָ כֵּן חֲסָדֶיךָ וְרַחֲמֶיךָ, **וְכַאֲשֶׁר לִגְדֻלָּתְךָ אֵין חֵקֶר, כֵּן אֵין חֵקֶר לְרַחֲמֶיךָ וַחֲסָדֶיךָ**; גם עיין 'ליקוטי הלכות' הל' תפילין ה"ה אות ט': מִדָּה שֶׁל **חֶסֶד נִקְרָא גְּדֻלָּה כַּיָּדוּעַ**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "לְךָ ה' הַגְּדֻלָּה", שֶׁהוּא חֶסֶד כַּיָּדוּעַ. נִמְצָא, שֶׁמִּדַּת חֶסֶד נִקְרָא גְּדֻלָּה, עַל כֵּן כָּל מַה שֶּׁמַּשִּׂיגִים יוֹתֵר גְּדֻלַּת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מַשִּׂיגִים יוֹתֵר חֲסָדָיו יִתְבָּרַךְ, **כִּי חֲסָדָיו יִתְבָּרַךְ זֶהוּ עִקַּר גְּדֻלָּתוֹ** כַּנַּ"ל.

[עג] 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' ז', עיי"ש כל ענין זה באריכות.

ער איז געווען א גרויסער ארעמאן, און א קראנקער מענטש, א חולה א גרויסער, און ער האט געהאט א ווייב א שלאַק א צרה, זי האט אים אנגעטוהן צרות - און ער איז געווען א געוואלדיגער עובד ה'!

איז געווען אמאל דארטן אַן ערב שבת, דאנערשטאג, עס איז געשטאנען פאר רבי נתן'ען עטליכע מענטשן, (האט איינער גערעדט דארט:) "איי, אויף דעם ר' נחמן איז דאך אזא מין רחמנות" - און ער הויבט אָן אויסרעכענען - "אַן ארעמאן, א קראנקער, א שלעכט ווייב" - ער האט אויסגערעכנט אלץ וואס עס איז א רחמנות אויף אים.

האט רבי נתן זיך אנגערופן: "**אויף אים זיפצסטו?!**" האט רבי נתן אנגעהויבן אויסרעכענען די אלע מעלות וואס ער האט - "**ער איז אַן עובד ה'** - **און דערצו איז ער אַן ארעמאן, און ער האט א שלעכט ווייב** - וועט ער אוודאי נישט זיין קיין 'רואה פני גיהנום'; **זיפצן זאלסטו זיפצן אויף דעם נגיד**" - ער האט אנגעכאפט א נאמען - "וואס ער עסט אפּ דעם גוטן (מיטאג), **און לייגט זיך צו דעם 'שינת צהריים', און עס טוהט זיך מיט אים וואס 'ער' ווייסט - אויף אים זאלסטו זיפצן!**"[עד].

עס איז אנדערע ווערטער דאס.

און דער אמת איז דאך טאקע אזוי; ווער איז דער 'רחמנות'? - דער ר' נחמן רבי יודל'ס?! ער איז דאך אוועק דארטן מיט אזא מין פארמעג! אזעלכע מיני יסורים און קראנקייט, און א שלעכט ווייב - און זיין אזא עובד ה' ווי ער איז געווען - **א געוואלד!** - נעמט מען דאך אים אָן 'בשמחה רבה' - "**אזא צדיק א קדוש**"!

אבער אז א מענטש גייט אוועק פון דאנעט אנגעפרעסן גוט מיט די אלע תאוות און ער קומט אהין 'דארטן' - מיט וואס קומט ער אויבן?![עה].

[עד] מובא בספר 'כוכבי אור' ערך 'אנשי מוהר"ן' (ג), אות ו'.

[עה] עיין 'שיחות הר"ן' אות כ"ג: עָנָה וְאָמַר: **הָרַחֲמָנוּת שֶׁל הָעוֹלָם הַזֶּה הַכֹּל רוֹאִין**, וּבִשְׁבִיל זֶה הַכֹּל רוֹדְפִין אַחַר הָעוֹלָם הַזֶּה. כִּי רוֹאִין כְּשֶׁהָאָדָם רָעֵב וְצָמֵא וְכַיּוֹצֵא קָשֶׁה לוֹ מְאֹד וְיֵשׁ רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עָלָיו. וְכֵן מִי שֶׁהוֹלֵךְ עֵרֹם וְיָחֵף יֵשׁ רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עָלָיו. **אֲבָל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ עֵינַיִם וְרוֹאֶה גֹּדֶל הָרַחֲמָנוּת שֶׁיֵּשׁ עַל הַנְּשָׁמוֹת שֶׁבָּעוֹלָם הַבָּא**, כִּי שָׁם בָּעוֹלָם הַבָּא נִמְצָאִים בְּנֵי אָדָם שֶׁהוֹלְכִים עֲרֻמִּים מַמָּשׁ וְאִי אֶפְשָׁר לְרַחֵם עֲלֵיהֶם כְּלָל. כִּי בָּעוֹלָם הַזֶּה כְּשֶׁהָאָדָם עֵרֹם בְּלֹא מַלְבּוּשׁ אֲזַי אֶפְשָׁר לְקַבֵּץ נְדָבוֹת עֲבוּרוֹ וְלַעֲשׂוֹת לוֹ קַאפְטִין.

אז מען האט דעם 'ישוב הדעת' - -

רבי נתן האט נישט גלאט גערעדט, רבי נתן האט געפילט דעם 'ישוב הדעת' אויף וועמען איז מער דער 'רחמנות'. דער גביר גייט טאקע אנגעטוהן מיטן א גוטן פעלץ, אבער וואס קומט עס עפעס ארויס צו דער אייביגער וועלט?! וואס וועט ער דארטן האבן?!

"אויף אים זיפצסטו?!"

אוודאי דארף מען אים תומך זיין, רבי נתן האט אים תומך געווען דעם ר' נחמן רבי יודל'ס.

בשעת רבי נתן איז ארויס פון נעמיראוו קיין ברסלב, איז דער ר' נחמן רבי יודל'ס געווען דארט אויפן בית החיים (- דער שומר, ושם היה דירתו), אין א שטיבעלע, א קבר... אז עס איז געווען עפעס א נפטר, א לויה, האט מען אים געגעבן דארטן אפאר גראשן... און אז עס האט זיך נישט געמאכט א לויה, האט ער געהונגערט. דאס איז געווען 'יענע' פרנסה.

האט רבי נתן געזאגט: **"אזא אידן זעצט מען אוועק אויפן בית הקברות?! אז ער זאל אמאל נישט האבן** (אויף שבת)**, קען דער אויבערשטער צונעמען ביי יענעם א קינד כדי מען זאל אים געבן א זעקסער!".**

- אזא עובד ה', און קיינער האט דאך אים נישט אינזין, ער ליגט אויפן פעלד דארטן, וואס האט ער דארט?! - קען דער אויבערשטער ביי איינעם אמאל צונעמען א קינד כדי מען זאל אים געבן א זעקסער (- זעקס קאפיקעס) - **"אזא איד טאר נישט זיצן אויפן פעלד!".**

האט אים רבי נתן אראפגענומען פונעם פעלד, און ער האט אים תומך געווען.

רבי נתן האט אליין נישט געהאט - און ער האט אים תומך געווען...

---

**אֲבָל בָּעוֹלָם הַבָּא מִי שֶׁהוֹלֵךְ עֵרֹם אִי אֶפְשָׁר לְרַחֵם עָלָיו כְּלָל.** כִּי שָׁם אֵין מוֹעִיל שׁוּם רַחֲמָנוּת כִּי אֵיזֶה מַלְבּוּשׁ הוּא צָרִיךְ? הֲלֹא הוּא רַק מַלְבּוּשׁ שֶׁל תּוֹרָה וּמִצְווֹת, וְלָזֶה אֵין מוֹעִיל שָׁם רַחֲמָנוּת, וכו' עיי"ש.

אז מען האט דעם אמת'ן 'ישוב הדעת', מען האט א ווייטן קוק - 'אויף וועמען איז א רחמנות?!' א איד וואס איז אַן עובד ה' איז דאך דער רייכסטער מענטש! אויף וועמען איז א רחמנות?!

דער אויבערשטער זאל אפהיטן, מען זאל חלילה נישט דערפילן וואס עס איז געווען אין רוסלאנד. עס קומט די פראָסט און ער האט נישט קיין פלאץ, ער האט נישט קיין אָרט, עס איז אים ביטער, און ער איז אַן עובד ה'!

און דער אנדערער איז אים ווארעם אין שטוב, ער האט א גוטן פוּטער, פרעסט און זויפט.

דארף מען דאך האבן ליכטיגע אויגן אז מען זאל זעהן אז דער רחמנות איז אויף 'דעם' - און 'דער' איז דאך 'אשרי לו ואשרי חלקו!'.

איי איצטער האט ער אביסעלע אזוי - -? אבער דארטן האט ער דאך א רייכקייט - אין דעם 'עולם הנצחי' איז ער דאך רייך! און דא איז דאך אַן 'עולם עובר', "כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר", וואס זעהט זיך עס אָן?!

און ווען קען מען האבן דעם געדאנק? אז מען האט טאקע דעם 'ישוב הדעת', דעמאלט קען מען מאכן דעם חילוק פון דעם גביר ביז דעם ארעמאן - אז 'אים' איז וואויל - 'אשרי לו', און אויף 'אים' דארף מען זיפצן...

דארף מען האבן דעם 'ישוב הדעת' אלע טאג. מען זאגט אין די זמירות: "ואם יצא חובת היום" איז "אשרי לו, אל א-ל אדון מחוללו מנחה היא שלוחה" - ער שיקט דעם אויבערשטן א מתנה - א טאג - יוצא זיין דעם 'חובת היום' - 'אשרי לו'!

איי איי, א סכנה'דיג וועלט, מען לעבט אין א סכנה'דיגער וועלט. מוז מען דאך זיך אנהאלטן אין עפעס. וואו מען גיט זיך א 'דריי' איז סכנה'דיג די וועלט. איז דאך נאר בכח 'אנהאלטן זיך אינעם אויבערשטן', און דורכן 'כח הצדיק'! "ואני תמיד עמך"! דורכן כח הצדיק קען מען זיך אנהאלטן - אז נישט איז מען דאך ממש יעדע רגע אין א סכנה.

די סכנה איז דאך אַן אנדערע סארט סכנה. עס איז פארהאן אמאל א סכנה, אז עס שטייט אנטקעגן א שווארצער, א כושי, ער וויל מיך הרג'ענען. און עס איז פארהאן

אמאל א סכנה - 'דער יצר־הרע ברענט אין מיר, ער וויל מיך (מכשיל זיין') - 'קוק וואו מען דארף נישט', 'טראכט וואס מען דארף נישט', 'רעד וואס מען דארף נישט', 'טוה וואס מען דארף נישט!' (וכדו'). בין איך דאך אין א סכנה יעדע רגע.

- אין וואס זאל איך זיך האלטן? איז דאך נאר - 'האבן אינזין דעם אויבערשטן', און דורכן 'כח הצדיק' און אין זיינע עצות, און אזוי זיך ראטעווען.

דער אויבערשטער זאל אויף אונז רחמנות האבן מיר זאלן זיך האלטן אינעם רבי'ן, וועט מען קענען זיין א כשר'ער - -

❖

## 'אט דאס הייסט 'אמונת חכמים'!'

(ר' מאיר: ר' שלמה ראובן זלאטע'ס האט געהאט א ברכה פון רבי שמואל אייזיק אויף קינדער?) **יא.** דער ר' שלמה ראובן זלאטע'ס איז געווען א געוואלדיגער עובד ה' - אזוי פלעגט רבי אברהם ר' נחמן'ס זאגן, ער פלעגט דאווענען פינעף-זעקס שעה! א גרויסער עובד ה' איז ער געווען.

ער האט קיין קינדער נישט געהאט, און ער איז געווען שייכות צו רבי שמואל אייזיק'ן. רבי שמואל אייזיק האט אים געגעבן א ברכה אז ער וועט האבן א קינד.

דער ר' שלמה ראובן האט געוואוינט אין ברסלב. רבי מאטעלע טשערנאבלער איז געקומען אלעמאל קיין ברסלב. און רבי מאטעלע, אז ער פלעגט אריינקומען אין א שטאט אריין, פלעגט ער זיך פירן אזוי: ער פלעגט ער זיך אוועקשטעלן אינמיטן דער גאס, זענען געקומען גבירים און זיי האבן אים געדונגען, מען האט זיך געדונגען - "הונדערט רענדלעך", "פופציג רענדלעך" - און (ווער עס האט זוכה געווען) איז ער געגאנגען ביי יענעם אין שטוב אריין, געמאכט א סעודה, און געגעבן יענעם א ברכה! - אזוי האט רבי מאטעלע געפירט זיך.

נו, פלעגן שוין זיין מעקלערס וואס זיי פלעגן לויפן צו די גבירים און זאגן: "גיי, רבי מאטעלע שטייט אינמיטן גאס, נעם אים אריין צו זיך - וועט ער דיר געבן א ברכה!".

רבי מאטעלע איז אנגעקומען (אין ברסלב), איז ער געשטאנען אינמיטן גאס. איז דער ר' שלמה ראובן אוועקגעלאפן צו א גביר און ער האט אים געזאגט: "רבי מאטעלע שטייט אינמיטן דער גאס - גיי גיי!" איז געגאנגען דער גביר און האט אים אריינגענומען אין שטוב אריין און געמאכט א סעודה, און נאכדעם האט ער אים געגעבן א ברכה.

זאגט רבי מאטעלע צו ר' שלמה'ן: "וואס זאל איך דיר געבן מעקלעריי?" ער איז דאך געווען דער מעקלער. רופט זיך אָן איינער דארטן: "רבי, ער האט דאך נישט קיין קינדער!". האט רבי מאטעלע געוואלט (צו)זאגן. כאפט ער (- ר' שלמה) אים אָן דער האנט - "זאגט נישט; איך האב א ברכה פון מיין רבי'ן אז איך וועל האבן א קינד, וועט מען זאגן אז עס איז אייער מופת!"...

האט רבי מאטעלע געזאגט: "זעהט איר? אט דאס הייסט 'אמונת חכמים'!".

ער איז נתפעל געווארן; ווייל זיין רבי האט אים געגעבן א ברכה אז ער וועט האבן א קינד - און מ'וועט זאגן - 'זאגט נישט!' ער האט נישט געלאזט זאגן - 'מ'וועט זאגן עס איז אייער מופת!'...

(השואל: און ער האט געהאט קינדער?) יא, ער האט געהאט א קינד.

בשעת זי האט געטראגן האט אים קיינער נישט געוואלט גלויבן. ווען ער האט געהאט דאס קינד איז ער שוין גאר אלט געווען; ער האט געהאט א טאכטער.

מען רעדט דאך די אמונה פון אים, די אמונה איז אזוי שטארק געווען; וויבאלד רבי שמואל אייזיק האט אים געגעבן א ברכה, האט ער נישט געוואלט רבי מאטעלע זאל זאגן.

❖

## 'יָהֵב חָכְמְתָא לְחַכִּימִין'

(ר' מאיר: דאס וואס ר' נפתלי האט געפרעגט דעם רבי'ן וועגן 'יהב חכמתא לחכימין'[ש']; ר' נפתלי האט עס סתם געפרעגט דעם רבי'ן, אדער עס איז געווען עפעס א תורה אדער וואס?) **יא, ער האט געפרעגט**

---

[ש'] עיין 'שיש"ק' (חדש) ח"ב אות תשצ"א: פעם שאל רבי נפתלי את רבינו על דבר הכתוב (דניאל ב כא) **"יהב חכמתא לחכימין"**: אם הקב"ה נותן חכמה רק לחכמים, מה יעשו אלו שאינם חכמים?" - **"וואס טוט מען**

דעם רבי'ן. (ר' מאיר: סתם אזוי?) יא. אינ'אמת'ן איז דאך דא די קשיא אין מדרש[עז], עס איז דאך א מדרש דאס דאזיגע; נאר דארטן - דער מדרש זאגט אנדערש, די קייסערטע האט דאך דאס געפרעגט פון רבי יוסי בר חלפתא. האט ער איר געענטפערט: 'פאר ווענמען בארגסטו געלט פאר אַן ארעמאן, צו - - - ?!'.

דער רבי האט געזאגט: "אין יעדן איינעם איז דא חכמה!" - די חכמה אויף וואס דער אויבערשטער קען צוגעבן חכמה - דאס איז אין יעדן איינעם דא - "כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ!".

איי פארוואס שטייט "יָהֵב חָכְמְתָא לְחַכִּימִין"? עס איז דאך אין יעדן איינעם דא? נאר - אז ער ניצט זיך מיט זיין חכמה! אבער עס איז נישט שייך צו זאגן, איינער וואס איז נישט קיין קלוגער, ווייל ער האט אין זיך די 'חכמה', נאר וואס דען, ער ניצט זיך נישט מיט אים, איז ער טאקע נישט קיין חכם, אבער די חכמה איז דא אין יעדן איינעם[עח].

❖

**אז מען איז נישט קיין חכם?". השיב לו רבינו: "'כולם בחכמה עשית', די חכמה איז יעדער איינער באשאפן געווארן מיט אים"** - "הלא כתיב (תהלים קד כד) 'כולם בחכמה עשית', והיינו שלכל אחד ואחד יש בחינת חכמה הנצרכת לו לעבודת ה' - ועליה מוסיף הקב"ה ברחמיו עוד ועוד חכמה".

[עז] עיין מדרש רבה פר' ויקהל ב': 'וָאֲמַלֵּא אֹתוֹ רוּחַ אֱלֹקִים בְּחָכְמָה', שֶׁכְּבָר הָיְתָה בוֹ חָכְמָה. לְלַמֶּדְךָ, שֶׁאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְמַלֵּא חָכְמָה אֶלָּא לְמִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ כְּבָר. מַטְרוֹנָה אַחַת שָׁאֲלָה אֶת רַבִּי יוֹסֵי בַּר חֲלַפְתָּא, מַהוּ שֶׁכָּתַב יָהֵב חָכְמְתָא לְחַכִּימִין (דניאל ב, כא). לַטִּפְּשִׁים הָיָה צָרִיךְ לוֹמַר. אָמַר לָהּ: בִּתִּי, אִם יָבוֹאוּ אֶצְלֵךְ שְׁנַיִם, אֶחָד עָנִי וְאֶחָד עָשִׁיר, וְהֵן צְרִיכִין לִלְווֹת מִמֵּךְ מָמוֹן, לְאֵי זֶה מֵהֶם אַתְּ מַלְוָה. אָמְרָה לוֹ: לֶעָשִׁיר. אָמַר לָהּ: וְלָמָּה. אָמְרָה לוֹ: שֶׁאִם יֶחְסַר, יִהְיֶה לוֹ מָמוֹן שֶׁיִּפְרַע. אֲבָל עָנִי, אִם יְאַבֵּד מְעוֹתַי, מֵהֵיכָן יִפְרַע. אָמַר לָהּ: יִשְׁמְעוּ אָזְנַיִךְ מַה שֶּׁפִּיךְ מְדַבֵּר. כָּךְ, אִם הָיָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נוֹתֵן חָכְמָה לַטִּפְּשִׁין, הָיוּ יוֹשְׁבִין בְּבָתֵּי כִסְאוֹת וּבִמְבוֹאוֹת מְטֻנָּפוֹת וּבְבָתֵּי מֶרְחֲצָאוֹת, וְאֵין מִתְעַסְּקִין בָּהּ. אֶלָּא נְתָנָהּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַחֲכָמִים, שֶׁיְּהוּ יוֹשְׁבִין בִּישִׁיבַת זְקֵנִים בְּבָתֵּי כְנֵסִיּוֹת וּבְבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת וְעוֹסְקִין בָּהּ. לְכָךְ כְּתִיב: וָאֲמַלֵּא, מְלֵא מִי שֶׁהָיָה בוֹ כְּבָר חָכְמָה, בִּתְבוּנָה וּבְדַעַת וּבְכָל מְלָאכָה.

[עח] עיין 'שיחות הר"ן' אות נ"א: וְהַשֵּׂכֶל שֶׁל הָאָדָם יָכוֹל לַעֲמֹד כְּנֶגֶד כָּל הַתַּאֲווֹת. כִּי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא **יָהֵב חָכְמְתָא לְחַכִּימִין. כִּי יֵשׁ לְכָל אֶחָד חָכְמָה בְּכֹחַ**, רַק שֶׁצְּרִיכִין לְהוֹצִיאָם מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל. וּבָזֶה הַשֵּׂכֶל לְבַד שֶׁיֵּשׁ לְכָל אֶחָד בְּכֹחַ חָכְמָתוֹ דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ מֵעֶצֶם בְּרִיאָתוֹ, **מִלְּבַד מַה שֶּׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹסִיף לִתֵּן חָכְמָה לַחַכִּימִין, בְּכֹחַ חָכְמָתוֹ לְבַד יָכוֹל גַּם־כֵּן לַעֲמֹד כְּנֶגֶד הַתַּאֲווֹת.**

## א גוי איז א גוי...

נישט מער געדאכט, ווען איך בין געזעצן אין תפיסה דעמאלט, האב איך אוועקגעגעבן מיין פארציע ברויט פאר אביסל וואסער - איך זאל קענען האבן וואסער פאר נעגל וואסער.

(ר' מאיר: פון וואנעט האט איר געהאט די וואסער דארט?) מען האט געגעבן דארט אביסל וואסער און איך האב זיך מיט די וואסער געוואשן. האבן זיי (הגויים) געברענט - 'מיר דארפן צו טרינקען, און ער גיסט אויס די וואסער'. האב איך פארבאהאלטן אונטערן קישן. זיי האבן געזאגט: "אוי, בענדער האט שוין דארטן **פארבאהאלטן אביסל וואסער!**". זיי פלעגן זוכן. א גוי איז א גוי...[עט]

איי איי, "זכרו נפלאותיו אשר עשה!" - געדענקט די נפלאות.

(ר' מאיר: ר' שמואל שפירא האט דאנערשטאג געזאגט א שיינע זאך, 'ש'יחו ב'כל נ'פלאותיו' איז ר"ת נ'חמן ב'ן ש'מחה. זאגט ער, 'שיחו' - דאס ענין פון התבודדות, דאס איז 'בכל נפלאותיו', דער ענין פון התבודדות - דער 'שיחו' - דאס איז פון די גרעסטע פלאות פון דעם רבי'ן וואס דער רבי האט מגלה געווען...).

❖

## א מעשה וועגן מקוה

(ר' מאיר: ווען איר האט געוואוינט אין קיבליטש פלעגט איר גיין אלע טאג אין מקוה?) אוי אוי אוי, די מקוה דארטן, אלע טאג כמעט איז געווען שווער. מען פלעגט זיך ארויסכאפן אין א 'יום שאין אומרים בו תחנון'[פ].

'חמשה עשר בשבט' זאגט מען דאך נישט קיין תחנון. איז געווען אמאל א חמשה עשר, איך האב געוואלט גיין אין מקוה, און די מקוה איז פארשיט מיט שניי, מען קען גארנישט צוטרעטן צו דער טיר, קיין דאַך איז נישטא, און די מקוה איז פול מיט אייז.

---

[עט] עיין ספר 'טעם זקנים' תשל"ה עמוד תכ"ט באריכות.

[פ] עיין 'שיחות הר"ן' אות קפ"ה: וְכֵן צִוָּה עַל רֹב אֲנָשִׁים שֶׁיִּזָּהֲרוּ לֵילֵךְ לְמִקְוֶה לִטְבֹּל בְּיָמִים שֶׁאֵין אוֹמְרִים בָּהֶם תַּחֲנוּן. וְזֶה צִוָּה לְכַמָּה אֲנָשִׁים.

אז איך בין געווען דארט (אין קיבליטש), בין איך אריינגעאנגען צום זיידן - איר'ס א זיידע, ער איז געווען אַן ערליכער איד, ר' יעקב ישעיה (- חותנו של ר' אהרן קיבליטשער), א איד פון חצות, אַן עובד. איך האב אים נישט געוואלט דערציילן אז איך וויל גיין אין מקוה - 'גיין אין מקוה?' - ער וועט מיר אנקוקן... ער איז אויך געווען א איד פון מקוה - אבער נישט אין אזעלכע פרעסטן.

איך בין אריין צו אים, דערציילט ער מיר א מעשה: ער איז געווען א גרויסער מכנים אורח. איז געווען אַן אלול, ער איז געגאנגען אין מקוה. דארטן אין רוסלאנד איז קאלט אלול. זעהט ער אַן ארעמאן טוהט זיך אָן און גייט אין מקוה. (והיה לו התפעלות:) 'אַן ארעמאן גייט אין מקוה אלול?!' האט ער אים פארבעטן צו זיך פאר אַן אורח. אז ער רעדט מיט אים אזוי, פרעגט ער אים - 'אַן ארעמאן אין מקוה?! עס איז קאלט - פארוואס גייט איר עפעס אין מקוה?!'.

זאגט ער, איך וועל אייך דערציילן א מעשה פון מיר פארוואס איך גיי אין מקוה: ער איז געווען פון דארט און דארט, געווען א גרויסער גביר, און עס האט אים אנגעהויבן צו פוילן א פוס.

אין ווין איז געווען גרויסע פראפעסארן, דארף מען פארן קיין ווין. קיין באן איז נישט געגאנגען, דארף מען גיין צופוס. האט ער דארטן זיין פארמעגן צעטיילט פאר די קינדער, ער איז ממילא געווען שוין 'לאחר יאוש'. און ער איז געפארן קיין ווין.

ער איז אנגעקומען פרייטאג קיין ווין - ערב שבת. פארנאכט קומט ער צום פראפעסאר, זאגט ער אים: "מארגן צופרי דארפסטו קומען - מען דארף 'שוין' מאכן דער אפעראציע!" - 'ביום השבת'. "וואס? - שבת?" - "עס איז דאך א סכנה, ווי וועסטו אויסהאלטן?! זונטאג וועט שוין נישט זיין וועמען צו מאכן דער אפעראציע!"...

ער האט דאך געזעהן אז עס איז שוין ממילא 'לאחר יאוש' - 'זאל ער דארפן דאס מאכן שבת אויך?!' איז ער נישט געגאנגען שבת.

זונטאג אינדערפרי איז ער דורכגעגאנגען א מקוה. ער האט דאך שוין געזעהן וואס מיט אים טוהט זיך, (האט ער געטראכט) ער וועט אריינגיין אין מקוה אריין פריער פאר דער אפעראציע. אזוי איז ער מיטן קראנקן פוס אריינגעגאנגען אין מקוה.

אז ער גייט פון מקוה ארויס, פילט ער עס איז אים געווארן אביסל בעסער.

(האט ער געטראכט) 'אז עס איז שוין אזוי - וועל איך מארגן נאכאמאל גיין אין מקוה'. אזוי איז ער אפגעווען אין ווין א שטיקל צייט און געגאנגען אין מקוה אלע טאג. ביז דער פוס איז אים געווארן אויסגעהיילט, און ער איז אינגאנצן נישט געגאנגען (אפערירן).

האט ער צוגעזאגט דעם אויבערשטן - אַן ארעמאן איז ער שוין - ער האט דאך אינגאנצן פארטיילט - אז 'וואו ער וועט זיין, זאל ער אלע טאג גיין אין מקוה!'.

האט דער זיידע מיר דערציילט פון זיך אליין דער מעשה... און איך דארף דאך איצטער האבן דער מעשה - איך וויל דאך גיין אין מקוה. איך האב גארנישט געפרעגט - ער האט אליין דערציילט דער מעשה פון מקוה.

די מקוה איז גארנישט צוצוטרעטן, אינמיטן ווינטער, פול מיט שניי, עס איז קאלט - אַה, מסירות נפש, מסירת נפש! ביז איך קום צו דער טיר איז דער גאנצער גוף שוין קאלט, און עס איז פארשיט מיט שניי, דארף איך אוועקשאַרן מיט די הענט די שניי, און אז מען קומט אריין אין דער שטיבל, איז אויך פול מיט שניי, עס איז נישטא דארט קיין דאך, און די מקוה איז מיט אייז.

(ר' מאיר: עס איז געווען איינמאל ערב שבת, זענט איר אריין אין קעסל) יא, א קעסל דארט. די קעסל איז אויך געווען קאלט... מען איז אריינגעגאנגען אין קעסל זיך אנווארעמען - אזעלכע מקואות איז געווען אמאל.

אוי אוי, היינט ברוך ה', "המקיים את התורה מעוני, סופו לקיימה מעושר" - זאגט דער רבי[פא] - דאס גייט אויף די דורות; די פריערדיגע דורות האבן מקיים געווען 'מעוני', דערפאר איז מען היינט מקיים 'מעושר', דער אויבערשטער פירט אזוי צו.

אמאל אז א יונגערמאן האט חתונה געהאט, האט ער געהאט א שטיבעלע פון א ד' על ד', דארטן איז געווען די קיך, דארטן איז געווען די שלאף צימער, דארטן איז געווען

---

[פא] 'ליקוטי מוהר"ן' סי' ר': הַטַּעַם שֶׁהַצַּדִּיקִים שֶׁבַּזְּמַן הַזֶּה הֵם עֲשִׁירִים, וּבַזְּמַנִּים הַקּוֹדְמִים הָיוּ רֻבָּם עֲנִיִּים וְאֶבְיוֹנִים, זֶה מְרֻמָּז בַּמִּשְׁנָה (אָבוֹת פֶּרֶק ד'): **'כָּל הַמְקַיֵּם אֶת הַתּוֹרָה מֵעֹנִי סוֹפוֹ לְקַיְּמָהּ מֵעשֶׁר'**, וְהַצַּדִּיקִים שֶׁבַּזְּמַן הַזֶּה הֵם הֵם הַצַּדִּיקִים שֶׁהָיוּ בַּזְּמַנִּים הַקּוֹדְמִים בְּסוֹד הַגִּלְגּוּל, וּכְבָר קִיְּמוּ הַתּוֹרָה מֵעֹנִי, עַל כֵּן זוֹכִים עַתָּה לְקַיְּמָהּ מֵעשֶׁר.

די עם צימער, אלץ איז דארט געווען. מען האט פארהאָנגען א פארהאנג, און דאס איז געווען די וואוינונג זייערע. א צעבראכן בעטל, מיט א צעבראכן בענקל. און אז עס איז געבוירן געווארן א קינד, האט מען געמאכט א קוישיקל (- סל), מען האט עס אויפגעהאנגען אויף דער תקרה - - און דאס איז געווען די וויגעלע - און געווען גרויסע ערליכע אידן!

היינט - ברוך ה', מען מאכט חתונה מיט א שיינעם וואוינונג, אלץ, מיט שיין אנגעטוהן, ישיבות מיט כוללים ברוך ה'. אמאל איז דאך נישט געווען דאס דאזיגע; א יונגערמאן, אויב נישט קיין קעסט, האט ער געמוזט גיין עפעס טוהן, עס איז נישט געווען קיין כוללים און קיין ישיבות.

## 'מען דארף זיי א טובה טוהן'

עס ווערט געבראכט טאקע[פב], דער אויבערשטער פירט יעדן איינעם צו ווען ער זאל האבן בחירה; ביי איינעם איז זיין בחירה דייקא דורך 'עניות', און ביי איינעם איז 'ניין', ביי אים 'עניות' וועט זיין 'מעביר על דעת קונו', פירט דער אויבערשטער אים צו 'אזוי', דער אויבערשטער פירט צו דעם 'עשירות' און דעם 'עניות'.

ר' אפרים-שרה'קעס, דעם רבי'נס טאכטער א זון - ר' שמשון'ס (בארסקי) א זיידע, [ר' געצע'ס בני בית איז אויך געווען ר' אפרים'ס א טאכטער], שטייט אין די "מכתבים"[פג] - ער איז ביי אים - און ער האט נישט קיין העמד...

ר' אייזיק (בעלה של שרה) איז דאך געווען א גרויסער עושר, ער האט זיי געגעבן א גרויסע ירושה. ר' אפרים - אזא מין עושר, גע'ירשנ'ט אזא רייכע ירושה - ווי איז ער געקומען דערצו?! ר' אייזיק איז נפטר געווארן אין די צדיק'ן[פד], און ווי איז ער שוין געווארן אזא ארעמאן אז ער האט נישט קיין העמד איבערצוביטן?!

---

[פב] עיין לעיל הערה מ'.

[פג] 'עלים לתרופה' במכתב מיום ג' פקודי תר"ד: **וְרַבִּי אֶפְרַיִם נֶכֶד רַבֵּנוּ** ז"ל יֵשׁ לוֹ עֲדַיִן קַדַּחַת רְבִיעִית בְּבֵיתִי וְצוֹעֵק עָלַי בְּכָל פַּעַם מֵעִנְיַן עֲנִיּוּתוֹ וְדָחֳקוֹ וְשֶׁהוּא נָע וָנָד כָּל כָּךְ **וְאֵין לוֹ כְּתֹנֶת לִלְבֹּשׁ** וְכוּ'.

[פד] עיין 'שיש"ק' (חדש) ח"א, אות תכ"ח.

שרה'קע האט געהאט דריי זין; ר' ישראל - מיט אים איז געווען די מעשה מיט דעם זייגערל[פה]; ר' שמחה ברוך - ר' אייזיק באַרדיטשוב'ערס טאַטע; און רבי אפרים.

(הסיפור היה) 'ר' אפרים' און 'ר' שמחה ברוך' זענען געקומען צו פאָרן מיט א רייכקייט, מיט א קאַרעטע, אויף ראש השנה קיין אומאן, אזוי ווי גבירים.

רבי נתן האט א קוק געגעבן אויף דעם: "וואס וועט זיין פון זיי? וואס וועט זיין פון זיי? מען דאַרף זיי א טובה טוהן!" איז טאַקע גארנישט געווארן פון דעם גאנצן פאַרמעגן, זיי זענען געווארן אָרעמעלייט.

רבי נתן האט געוואוסט אז פון די קאַרעטעס וועט גארנישט ווערן, האט ער זיי א טובה געטוהן.

[פה] עיין 'חיי מוהר"ן' אות תל"ט.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנטלו חלק ושותפות בהוצאת קונטרס זו

המחותנים:

מו"ה משה יצחק
שטיינער הי"ו (מאנסי)
לרגל אירוסי בנו החה"ח דוד נ"י

מו"ה יעקב
קאליש הי"ו (וויליאמסבורג)
לרגל אירוסי בתו הכלה

למזל טוב

מו"ה יואל לוי ניימאן הי"ו (ק"י)
לרגל הכנסת בנו כמר דוד מאיר לעותומ"צ
למזל טוב

מו"ה יעקב אהרן
פריעדמאן הי"ו (וויליאמסבורג)
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו"ה יעקב
פערלשטיין הי"ו (מאנסי)
לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה שבתי מרדכי וויינבערגער
הי"ו (וויליאמסבורג)
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו"ה ישראל אונגאר הי"ו
(בלומינגראוו)
לרגל הולדת הבן למזל טוב

מו"ה חנניה קנאפפלער הי"ו
(וויליאמסבורג)
לרגל הולדת בנו למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך **אלטר נפתלי בן-ציון בן מינדל** לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב
ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה
בת ר' יצחק ע"ה
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת
ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר
שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

ר' מנחם מענדל ב"ר יעקב יהושע ע"ה

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים